STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02711

# ALE VERK

## Mendele Mokher Sefarim

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פערלאג
מענדעלע
ווארשע

# אַלע ווערק פון מענדעלע מוכר-ספרים

(ש. י. אבראמאָוויץ)

## זעכצעהנטער באַנד

נײַע פערבעסערטע אויסגאַבע

פערקויף: געזעלשאַפט „צענטראַל", וואַרשא, נאָוואָליפּקי 7

1928

אַלע ווערק פון מענדעלע מוכר־ספרים
(ש. י. אבראמאָוויץ)

# שבת און יום־טוב

(דערציילונגען)

פערלאַג „מענדעלע", וואַרשא
1928

Copyright by S. Sreberk NEW-YORK U. S. A. 1 9 2 7

Printed in Poland

Zakł. Graf. „Stereotyp" Warszawa Nowolipki 7.

# אינהאַלט:

חג-האָסיף (אַ יום-טוב פון זאַמלען)

וואָס הייסט חנוכה?

דער חילוף

שבת

אַ גרויע האָר

אויף אַסיפות

אַ שטאָט אין מזרח וואַנד

די ענטדעקונג פון וואָהלין

# שבת און יום־טוב

אין דעם איצטיגען באַנד „שבת און יום־טוב“ געהען אַריין מענ־דעלע מוכר־ספרים׳ס פינף מעשות, וועלכע האָבען אַ שייכות צו שבת און יום־טוב; אַט די מעשות זענען אויך אין דער נייער העברעאישער מענדעלע־אויסגאַבע גרופּירט צוזאַמען אין איין אָבטיילונג „חגים וזמנים“. עס זענען אויך צוגעגעבען צום באַנד די דריי מעשות „אויף אסיפות“, „איבער אַ שטאָדט אין מזרח“ און „די ענטדעקונג פון וואָהלין“. די אַלע אַכט מעשות זענען, וויזט אויס, געשריבען דורך מענדעלע׳ן נאָך דעם יאָהר 1900, אין דער זאַמלונג פון מענדעלע׳ס העברעאישע „ספּורים“ (אדעס 1900) זענען זיי נאָך נישטאָ.

„די ענטדעקונג פון וואָהלין“ איז פערעפענטליכט אין דעם זאַמעל־בוך „הילף“, וואָס איז ערשיענען אין יאָהר 1903.

אין דער ערשטער מעשה „חג האסיף“ דערצעהלט מענדעלע וועגען דער קאָלאָניע שאבא, אַ קאָלאָניע ביים שווארצען ים, „אַ קאָ־לאָניע גאָר אַנטיק, מיט פעלדער מיט וויינגערטנער, וואָס די טרויבען זייערע זענען מחיה, גיבען־צו קראַנקע אַ שטיק געזונד“. אין אַט דער קאָלאָניע שאבאָ איז מענדעלע געפאָהרען זומער אויף אָברוה און אויף טרויבען. אין אַ העברעאישען בריעף צו זיין גאָהענטען פריינד ש. דובנאָוו שרייבט מענדעלע (אין דעצעמבער 1904), אַז דעם „פאָריגען זומער האָבען מיר, איך מיט מיין פרוי, געוואוינט אין שאבא, געגעסען דאָרט טרויבען צו זאַט“. אַ צווייט מאָל שרייבט מענדעלע אין אַ בריעף

צו ש. דובנאָוו (ערב־סופּות 1911): „געכטען בין איך צוריקגעקומען פון שאַבאַ, וואו איך האָב פערבראַכט מיט מיין פאַמיליע."

אין די מעשות מישען זיך די איינדרוקען פון געגענוואַרט מיט ערינערונגען פון אַמאָל. מענדעלע ווערט ווי אַרויסגעצויגען פון זיין פערצייטיגען לעבען און אַריינגעצויגען אין דער היינטצייטיגער ווירקליכקייט. אָבער זיינע וואָרצלען זענען אַלץ טיעפער געשלאָגען געוועזן אין דעם באָדען פון צוריק מיט יאָהרען און יאָהרען.

דערצעהלענדיג וועגען „דער ענטדעקונג פון וואָהלין", זאָגט מענדעלע: „ווער זאָל זיך עס דענסטמאָל געוועזן ריכטען, אַז מיר, זיין אייניקעל, זאָל אין אַ ציים אַרום שפּעטער בעשעהרט זיין זעהן אויף די עלטערע יאָהרען, ווי דאָס אייגענע אָרט, וואָס האָט פריהער געפליסט מילך און האָניג, פליסט אַצינד, אוי וועה—עס איז שווער צו זאָגען... נאָר איך, מענדעלע, בין דערצו שוואַך, אַלט. מיין איינציגער כוח, אוי, איז נישט מעהר, ווי וויינען שטילערהייד פאַר זיך, וואַרגען זיך מיט טרעהרען, און צו די אַלע פריהערדיגע, אַלטע יודישע צרות צו־צושרייבען אין די כראָניקעס אויך די היינטיגע נייע צרה".

נ. מ.

# חג האָסיף (אַ יום־טוב פון זאַמלען)

# חג האסיף *)

## (אַ יום־טוב פון זאמלען)

### אמ״ה

גשדרוקט בהשתדלות מענדעלי מוכר ספרים.

## א.

יודען בכלל, זענען דאָך, ווי ס'איז בעוואוסט, שוואַך נעביך און געזונד, פערזאָרגט, ברוך־השם, מיט יסורים מיט קרענק, ווי אַ שטיינער־שטעכעניש, בויכוועהטיג, שווינדעל, קאָפּדרעהעניש וכדומה און בעדאַר־פען דאָך נעביך טאַקי זיך קורירען. וואָס־זשע טהוט גאָט? מאַכט ער זיי אַ קאָ־לאָניע דאָ אין אונזער געגענד, ביי'ם ים, שאבא הייסט זי, אַ קאָלאָניע גאָר ט־נטיק מיט פעלדער מיט וויינגערטנער, וואָס די טרויבען זייערע זענען מחיה, גיבען צו קראַנקע אַ שטיק געזונד. באמת איז די דאָזי־גע קאָלאָניע ניט אונזערע, ניט קיין יודישע, נאָר „זייערע" — אַ גויעשע, הייסט עס. גאָט האָט איינגעגעבען שכל די דייטשען, און די ערדאַרביי־טער פון דער שווייץ זאָגענדיג: קומט, בעזעצט זיך דאָ, ביי'ם שוואַר־צען ים, בויט אייך אוים הייזער, פלאַנצט וויינגערטנער! און יודעלעך — מיין פאָלק ישראל, וועלען קומען צו אייך אלע יאָהר, אין הערבסט,

---

*) אַזוי הייסט אין דער תורה יום־טוב סוכות, וויל דענסטמאָל האָבען יודען אין ארץ ישראל געזאמעלט זייערע תבואות פון די פעלדער.

אויף אַ טרויבען־קור. די גוים האָבען געטהון גאָט'ס געבאָט — זענען געקומען, אויסגעבויט אַ קאָלאָניע, געאַרבייט, געזייעט, געפלאַנצט, און זענען היינט רייך, פערזאָרגט מיט וויין, מיט אַלעם־גוטען. נאָר געבען די יודען וויינטרויבען צום עסען גיבען זיי ניט אומזיסט סיידען פאַר געלד, וואָס איז, יודען זענען דען פויגעל, „וואָס אַקערן ניט זייען ניט, שניידען ניט, און הקדוש־ברוך־הוא שפייזט זיי"? יודען אמת טאַקי „פליהען אין דער לופט", אָבער מענשען זענען זיי דאָך פאָרט, זענען ניט קראַנק ניש'קשה צו צאָהלען, און נאָך ווי? מהייערער טאַקע! מילא וואָס מאַכט עס יודען אויס, קומען זיי און בעצאָהלען מהייערער. אָבער אָרימע לייט, וואָס טהוען קבצנים נעביך, וואָס בעדאַרפען טרויבען אויך אויף אַרפואה און האָבען ניט קיין גראָשען? ניט גאָט איין שכל זיינע קראַנקע קבצנים־לעך, זיי זאָלען אויסוואַרטען שאַ, שטיל, ביז די נגידים וועלען זיך לאָזען קיין שאבא אויף טרויבען. און קוים זענען יענע אַהין אַוועק, ריהרט זיך חברה קבצנים, נעהמען די פיס אויף די פלייצעס און מאַרש, מאַרש נאָך זיי, נאָך די בעלי־בתים, חברה טהוט זיך אַ שאָט קיין שאבא ווי אַ היישרעק אַזוי, אַז אויף איין בעל־הבית קומט עפטערס אויס זיבען קבצנים!

אַ גאַנץ יאָהר איז די קאָלאָניע רוהיג. איטליכער פון די איינוואוינער דאָרט בעשעפטיגט זיך מיט זיין אַרבייט אין פעלד, אין וויינגאָרטען. ניטאָ קיין לעדיג־געהער, מען זעהט ניט קיינעם אַרומגעהן מיט אַ טאָרבע איבער די הייזער, מען הערט ניט קיין ליאַרם, קיין געשריי. אויף די גאַסען ווייזען זיך צייטיגע וויינטרויבען — העההע! טהוען זיך דאָרט אַוויז די בני־יעקב קאָמפּאַניעס־וויז, נגידים מיט קעשענעס און אָרימע־לייט מיט טאָרבעס. ס'איז ליהודים, די קאָלאָניע רוישט, ווימעלט! ס'איז אַ יודיש שטעדטעל מיט אַלע אָבשניטצלעך — מיט גבאים און גבאי'טעס אויף צדקה־זאַכען. בחורים און מיידלעך נעהמען אַ פּאַטשיילקע און קלייבען נדבות, נישט דורכלאָזענדיג אין מאַרק קיינעם. מען דינגט ערגיץ אַ שטיבעל אויף דאַוונען „ימים־נוראים" און מען שטאָפּט אָן דאָרט יודען מיט יודענעס איינג ווי אין אַ פעסעל מיט הערינג. מען איז מפקיר די ביינער, מען שטופּט זיך און מען שוויצט אַ שרעק! פאַר נויט ראַטעוועט מען זיך און מען געהט אַרויס אויף דער גאַס, מען שפּאַצירט זיך דאָרט בקאָמפּאַניע אין די טליתים, מען רעדט און מען דאַווענט כלומר'שט. האַלט מען אינווענינג אין שוהל ביי קדושה, גיט מען זיי אַ ידיעה, שפּרינגט מען קדוש, קדוש, אויף דער גאַס!

איך בין אויך אָנהויב הערבסט געקומען קיין שאבא, נישט צוליעב

## חג האסיף.

דעם, צו עסען דארט ווינטרויבען, וי צוליעב אויסרוהען זיך א ביסעל פון דער ארבייט מיינער א גאנץ יאהר. אלע טאג פלעג איך אויפשטעהן פריה און שפאצירען איינער אליין צווישען די וויינגערטנער, עטהעמען פרישע לופט און הנאה האבען פון גאטס וועלטעל, דאס שענע.

## ב.

איינמאָל שפּאַציר איך מיר צווישען די ווייגנערטנער עפּיס פאַר־טראַכט און אַ קייכענדיג הוסטעלע פון ערגיץ האָט מיך אַרויסגעבראַכט פון מיינע געדאַנקען. איך טהו אַ קוק, דערזעה איך, עפּיס אַ מענש שטעהט פאַר מיר, אין דרייען געבויגען, קייכט, הוסט, האַלטענדיג אויסגעשטרעקט צו מיר די הענד, רייבענדיג מיט די שפּיצען פינגער, מיט אַ קרימעלע און אַ פּנים'ל פון אַ נעביך, באַלד טאַקי געווען צו דערקענען, אַז דאָס איז אַ יוד און בעט אַ נדבה. איך קוק מיך איין איהם אין פּנים, אַז איך טהו מיך אַ חאַפּ צוריק, מאַכענדיג שטאַרק פערוואונדערט:

— רב יעקב פּנחס!!

דער יוד קוקט זיך איין אויך אויף מיר, מינעט זיך און זאָגט, שאָקלענדיג מיט'ן קאָפּ:

— יאָ, יאָ, יעקב פּנחס בין איך!... שלום עליכם רבי מענדיל!

— עליכם שלום!

רב יעקב פּנחס'ן, אָדער ווי ער האָט ביי אונז דאָרט געהייסען אויפ'ן ווייבס נאָמען, יעקב פּנחס שיינדעל־מיריל'ס, האָב איך געקענט מכמה שנים. איך האָב איהם געקענט פאַר אַ בנעימות'דיגען, סטאַ־פּעטשנעם מענשען, מיט שעהנע בענעהמונגען, חאָטש ער איז געווען אַ מלמד כל ימיו. די מלמדים זענען פאַר קנאה געווען איהם פאַרביסענע שונאים, פלעגען דייטען אַלע אויפפיהרונגען זיינע צום שלעכטען, אויסטראַכ־טען אויף איהם וואָס ניט געשטויגען ניט געפלויגען, כדי אָנפּייפען איהם אין דעם מלמדות. געמורמעלט אויף איהם, אַ שטייגער, ער קוקט אַריין

בגנבה אינ'ם באור פון משה אָדעסער, האַפּט אויך אַ קוק אין די יודישע גאַזעטעס און לייגט אַריין דעם קאָפּ אין דקדוק. נאַראָנים האָבען געגלויבט און געווען אין כעס. קלוגע האָבען געוואוסט, אַז ס'איז אַ ליגען און געלאַכט. היינט ווייס איך זיכער, אַז מען האָט איהם אומזיסט חושד געווען. היינט ערשט פערשטעה איך, אַז איך האָב ניט פערשטאַנען, אין דער יוגענד, דאָס דקדוק־רש"י אויפ'ן פסוק „בראשית ברא", וואָס רבי יעקב פּנחס האָט מיר אין חדר דערקלערט, און ער אַליין, מחילה, האָט עס אויך ניט פערשטאַנען. נאָר דענסטמאָל, אַז רבי יעקב פּנחס האָט עס מיר דערקלערט מיט קולות, מאַכענדיג מיט הענד און פיס, שטאַרק פערפלאַ[illegible], האָב איך מיר געשראָקען און געזאָגט: איך פערשטעה, פערשטעה! דאָך אַ ביסעל אמת איז פאָרט געווען אין די מלמדים'ס רייד. רב יעקב פּנחס פלעגט ליעב האָבען אַריינוואַרפען אין זיינע בריפלעך טערפקע לשון־קודש־ווערטער, און שרייבען מליצה'דיג, כמעט נישט צום פערשטעהן, ווי יענע בריה'ס אַ מאָל. איינמאָל האָט ער זיך ניט געהיט און געוואָרפען מיט פראַגע־צייכענס, מיט אויסרופונגס־צייכען אָהן אַ שיעור. וואָס אַ וואָרט,—אַ פראַגע צייכען; וואָס אַ וואָרט—אַ געשריי; אַזוי אַז די מלמדים האָבען זיך איבערגעשראָקען און געזאָגט און געזאָגט.

שיינדיל־מיריל, רב יעקב־פּנחס'עס ווייב, איז געווען אַ בערידעוודיגע יודענע, מיט אַ געמבע, אַזוי אַז זי האָט גערעדט ביי זיך אין שטוב האָט מען געהערט אויף דער צעהנטער גאַס. פלעגט גרינג זיך אָנצינדען, אַריינקומען אין כעס און גריך טאַקי זיך איבערבעטען, אפשר אַ מאָל הונדערט אין טאָג. דעם מאַן איהרען האָט זי געאַכט און פלעגט אָבהיטען איהם מיט זיין עסען און טרינקען, מיט זיין גלעזעל ציקאָריע אין דער געהעריגער צייט. רב יעקב־פּנחס האָט זי ליעב געהאַט, זי געפאָלגט און, ווי דער שטייגער איז פון באַנק־קוועטשער, טאַקי מורא געהאַט פאַר איהר אויך. שונא'ים פלעגען זאָגען, אַז זי געוועלטיגט איבער איהם און האָט זעהר „אַ שווערע האַנד". אַז אַ מאָל איז איהם געשוואָלען געווען דאָס פּנים, האָט מען געזאָגט, דאָס איז געקומען פון אַ האַנד, פון שיינדיל־מיריל'ס האַנד!

אַקעגען אַ היגשע ווייל'ע בין איך און רב יעקב פּנחס געשטאַנען שווייגענדיג און צומישט. ער איז געווען צומישט און האָט זיך געשעמט, וואָס ער האָט אויסגעשטרעקט צו מיר די האַנד, בעטען אַ נדבה, און מיר האָט שטאַרק געריסען דאָס האַרץ, וואָס איך האָב איהם נעביך

געזעהן אין אזא צושטאנד. דערנאָך בין איך אַרוים מיט אַ וואָרט, און שטאַמלענדיג, גלאַט אַזוי זיך, געזאָגט:

— יאָ, אַזוי געהט עס אין דער וועלט!... האָט זיך עס מיר גאַר אומגעריכט אונטערגערוקט רב יעקב פנחס היינט!... נו!...

רב יעקב=פנחס האָט טיעף פונ'ם הארצען אַ זיפץ געטהון און קיין וואָרט ניט גערעדט.

— וואָס זיפצט איהר אַזוי, רב יעקב פנחס — מאַך איך צו איהם פריינדליך, ווילענדיג איהם טרייסטען — אַט געהט אַ ניי יאָהר אויף אונז יודען צום גוטען, אַט, אַט האָבען מיר סכות, דעם ליעבען יום=טוב, זמן שמחתנו!

— עט! — מאַכט רב יעקב פנחס, פאַרקרימענדיג זיך ווי אָנ=גע'ברוגז'ט, מיט פעראַכטונג, אַ מאַך געבענדיג מיט דער האַנד — וואָס מיר „זמן שמחתנו?" היינט איז „זמן" ניט קיין „זמן" און שמחה ניט קיין שמחה.

רב יעקב פנחס האָט מיר אויסגעזעהען, ווי ער איז מיט זיינע רייד מבזה די ימים=טובים און געטראַכט ביי מיר, אפשר ניט אומזיסט טאַקי האָבען די מלמדים אַמאָל איהם חושד געווען, אַז ער פּאַרעט זיך מיט דקדוק און קוקט אַריין אין „יענע" מיני ביכלעך. און ווי איך וויל איהם דאָ מאַכען אַ בעמערקונג, רופט זיך אָן רב יעקב פנחס ווייטער:

— „זמן שמחתנו זאָגט איהר. אָט דורך די צוויי ווערטער איז די גאַנצע צרה...

— זייט=זשע מוחל, איהר רב מענדיל! איך זעה, ניש'קשה, אַז איך קום אייך אוים ריין משוגע, אָדער גאַר אַ אפיקורס. מען טאָר אָבער ניט בעשולדיגען אַ מענשען ביז מען הערט איהם פריהער ניט אוים, און אַלסדינג וואָס מיט איהם האָט זיך פּאַסירט.

— אדרבה. דערצעהלט. רב יעקב פנחס — רוף איך מיך אָן — קומט, מיר וועלען זיך דאָ אַזוי געהן און איהר וועט דערצעהלען קומט, קומט, איך בעט אייך!

## ג.

— די מעשה דערפון איז אַזוי — הויבט ר׳ יעקב פּנחס אָן צו דערצעהלען, אויסשנייצענדיג פריהער די נאָז און אַ פּאָהר־געבענדיג מיט אַלע פינף פינגער איבער׳ן פּנים און איבער דער באָרד — אַז אונזערע הייליגע חכמים זאָגען: „איז אַנ׳עם־הארץ אַ חסיד טאָר מען ניט וואוינען ביי איהם, ניט שטעהען אין „ זיינע ד׳ אמות״, — זענען זיי טאַקי גערעכט. איהר הערט? וועה, וועה איז מיר, וואָס איך האָב זיי ניט געפאָלגט, און איך מיט נאָך עטליכע שכנים האָבען מיר געוואוינט ביי אַייזיק־בער, דעם פּראָצענטניק אין הויז. אַייזיק־בער דעם פּראָצענטניק קענט איהר דאָך, אַז ער איז אַ גרויסער עם־הארץ און אַווילדער חסיד; אַז ער לאָזט זיך דערקענען צו אַ אָרימאַן אין אַ שלעכטער צייט, דערבאַרמט זיך און לייעט איהם אַלע וואָך ביסלעכווייז קרן מיט פּראָצענט, גענהמענדיג ביי איהם אַ וועקסעל אויף צוויי מאָל, דריי מאָל אַזוי פיעל, וויפיעל דער חוב בעטרעפט. אַזאַ מכה מיט מכה׳לעך זאָל זיך איהם, רבונו של עולם, זעטצען! ער האָט דאָך מיר געטהון אַזוינס וואָס אַ שרעק. דערפון אָבער וועל איך דערצעהלען שפּעטער, איצט אַז איך דערמאָהן זיין נאָמען, „קוועטשט עס מיך אין בויך״ און מוז אויסלאָזען צו זיין קאָפּ מיט אַ קללה. לאָז ער געהן צו אַלע רוחות, און איך קעהר מיך אום צו מיין ענין. בקיצור, האָב איך מיט נאָך עטליכע שכנים געוואוינט אין שכנות ביי אייזיק־בער׳ן, די כפּרה זאָל ער ווערען! אַז ס׳איז געקומען די צייט פון סכּות, האָבען די שכנים זיך גענומען צו מאַכען אַ סוכּה. איך בין אויך צוגעשטאַנען צו זיי ווי אַ שותף, מיט אַ עצה, און מיט אַלץ וואָס נאָר מעגליך. זיי זענען געקומען מיט זייערס, דער מיט

אַ פלאָקען, יענער מיט אַ טשאָלענטברעטיל, איינער מיט אַ שטייג פון עופות, דער אַנדערער מיט פערזשאַווערטע טשוועקעס און איך מיט אַ לאָקשענברעטיל, מיט פאַרפלאָנטעטע שנירלעך און אַ צושאָטענע, אויסגעריבענע ראָגאָזשע. און אייזיק-בער, געשוואָלען זאָל ער ווערן ווי אַ באַרג, ער האָט אָבגעגעבען פאַר דער סוכה ביי זיך אין הויף אַ ווינ-קעל, וואו די בהמה ליגט און נעכטיגט אַ גאַנץ יאָהר. „די מצוה פון סוכה, האָט ער געזאָגט, איז אַזוי גרויס, אַז אַ כפרה פאַר איהר דער גאַנצער צער בעלי-חיים. ניש'קשה, דער רוח ווערט די בהמה ניט נעה-מען, אַז זי וועט זיך וואַלגערען זיבען טעג אויפ'ן מאַרק. אַי וואָס זי וועט מיר געבען ווייניגער מילך, אָדער זי וועט גאָר פגר'ן? נו, וועט גאָט ברוך-הוא ממלא זיין מיין שאָדען". — איהר פאַרשטעהט? דערמיט האָט ער געגעבען אונז אָנצוהערעניש, אַז די סוכה איז אינגאַנצען זיי-נע, וואָרום פון איהר שטעהט איהם דאָך פאָר צו ליידען אַ גרויסען היזק. בקיצור, ווי די מעשה איז, די סוכה איז פאַרטיג געוואָרען מיט אַלע זאַכענישען, ווי געהעריג. צוויי ברעטער און קרומע קלעצלעך האָ-בען געדינט פאַר ביינק. זיטצען אויף זיי האָט מען בעדאַרפט אויף משקולת, נישט צוטהון זיך אַ מינדסט ריהרעלע, מען זאָל הלילה ניט פאַלען און ברעכען האַלז און געניק. אַ גרויסע לאָקשענברעט איז גע-לעגען אויף אַ פעסעל פון אוגערקעס און געדינט פאַר אַ טיש, ביי וועל-כען עס האָבען נישט געגעסען אַלע שכנים מיט אַ מאָל, נאָר בעדאַרפט איינע די אַנדערע איבערוואַרטען, די אַרוים יענע אַריין. און עסען האָט מען בעדאַרפט מיט קאָפּ. ניט צוריהרען זיך צום טיש גראָבליך מיט דער האַנד, דאָס לאָקשענברעט זאָל ניט אַראָפּפאַלען, חס-ושלום. איז דאָך, דאַכט זיך, גאַנץ גוט. הערט-זשע ווייטער, זייט מוחל. אַז מען איז די ערשטע נאַכט יום-טוב אַריין אין סוכה קידוש מאַכען הויבט זיך אויף ווי געוועהנליך איז אין דער דאָזיגער צייט, אַ גרויסער שטורם-ווינד און לעשט אויס די בענשליכט. עס ווערט אַ רעש אַ געטומעל, אַ חאַפּעניש, אַ צוטרעטעניש צווישען די שכנים. אין אַ שעה צוויי אַרום צינדט מען ווידער אָן אין סוכה די ליכט און עס געהט אַריין די ערשטע וואַך, אין וועלכער עס צעהלט זיך דער בעל-הבית, ימח שמו, און איך. ווי נאָר מען טראָגט מיר אַריין די יויך הויבט אָן גיסען אַ קאַלטער אָסענדיגער רעגען — און קאַפּ, קאַפּ אין טעלער. אייזיק-בער, פערחאַפּט זאָל ער ווערן, וואָס איז אַנ'עם-הארץ און אַ חסיד, וויל ניט הערען דעם רעגען און דוקא זיטצען אין סוכה. הייַנט אַז ער,

ימח שמו וזכרו, מהוט אזוי, א פשיטא שוין איך, מלמד, וואָס מיינע חברים זוכען זיך צו מיר, צו פערשוואַרצען מיך מיט רכילות פאַר די בעלי-בתים. ער, די כפרה זאָל ער ווערען, זיצט זיך אין א פיקסען-פעלץ און ס'איז איהם וואַרם. מיין פעלץ אַקעגען ליגט נאָך פון פסח אָן פאַר-זעצט אין לאָמבּאַרד און איך זיץ אין איין קאַפּאָטע און ציטער פאַר קעלט. דעם גאַנצען טאָג, ערב יום-טוב, בעדאַרפט איהר וויסען, האָב איך אין מיין מויל נישט געהאַט, מיין חייב איז געווען שטאַרק פאַר-טראָגען מיט דעם קאָכען, באַקען אויף יום-טוב. און אַז ווייבער זענען פאַרטראָגען, ווייסט איהר דאָך, אַז זיי זענען אין איין כעס. איז דער מאַן הונגעריג, איז גלייכער פאַר איהם דענסטמאָל איינהאַלטען זיך און שווייגען איידער איינשטעלען זיך און שמועסען פון עסען. מילא, פאַר-שטעהט איהר דאָך, אַז איך האָב געהונגערט נישט צו רעדען קיין וואָרט. און וואָס לאָזט זיך אויס? איך געה אַריין אין סוכה נאָך אַזא תענית, אָבּפּאַסטען זיך דאָרט, גיסט אויף מיר א רעגען. דאָס געקעכטס ווערט אייז-קאַלט, איך ציטער פאַר נעץ, פאַר קעלט און עס, מ'שטיינס-געזאָגט, אין איילעניש, אין חאַפּעניש, דערוויטערט פון ווייב און, קינדער, — איך דאָ אין סוכה בין אַליין, ווי א אַלמן, און מיין ווייב דאָרט אין שטוב— ווי א אלמנה.

וועט איהר דאָך זאָגען: פשיטא! וואָס לאָזט מיך דאָ יעקב פנחס הערען? אַלטע געוועהנליכע מעשיות, וואָס קומען פאַר תמיד, אַלע יאָהר, און יודען נעהמען עס אָן פאַר ליעב, זיצען אין סוכה און זענען פרעה-ליך. אמת, געררעכט טאַקי! מהאי טעמא בין איך דאָך מקצר און רעכען ניט אויס די אַלע אַנדערע זאַכען, וואָס האָט זיך געמאַכט אין סוכה, ווי א שטיינער, די קאַליזשעס וואַסער, וואָס זענען געשטאַנען דאָרט פון רעגען, די מעשה מיט דער ברעט, וואָס איז אַראָבּגעפאַלען, דורך א קליין ריהרעלע, פון דעם פעסעל, אינאיינעם מיט'ן געפעס מיט הכל בכל כאשר לכל. די מעשה מיט דער בהמה אייזיק-בער'ס, א מכה איהם א גרויסע, ווי איהר האָט זיך פערגלוסט קראַצען זיך אָן דער סוכה, האָבען געציטערט, זיך צושאָקעלט די ווענט און געפאַלען די ביינק מיט די, וואָס זענען געזעסען דערויף! די מעשה מיט די ווייבער, וואָס האָבען געשיקט די מאַנען זייערע אין סוכה אַריין כמעט דאָס גאַנצע פלייש, דאָס גאַנצע ביסעל יויך וכדומה, כּדי ניט פערשעמט צו ווערען פאַר לייט, פאַר פרעמדע דאָרט, און אַליין, זיי און די קינדער, האָבען געהונגערט געבעך. און וואָס פאַר א טעם האָבען די מענער געפיהלט אין דעם

עסען, בעטראַכטענדיג דאָס, עס האָט זיי געטריפט דאָס בלוט, זיך גע־ וואָרגען מיט איטליכען ביסען. נאָך און נאָך אַזעלכע מעשיות, וואָס מאַ־ כען זיך סוכות־צייט און גאָרנישט! יום־טוב איז יום־טוב און יודען זע־ נען יודען. פון די מעשיות רעד איך ניט. עטו! זיי געהען אַוועק אינאיי־ נעם מיט דעם יום־טוב און עס בלייבט פון זיי קיין זכר ניט. איין מעשה נאָר וויל איך דערציעהלען, וואָס זי האָט איבערגעלאָזט אַ אייביגען רושם אויף מיר און אויף מיין הויזגעזינד, וואָס צוליעב איהר בין איך אריין אין אַ גרויס אומגליק, בין עלענד, אָרים, שטאַרק געפאַלען, ווי איהר קוקט מיך אָן

## ד.

די לעצטע ווערטער האָט געזאָגט רב יעקב פנחס, בעוואַשענדיג זיך מיט טרעהרען.

אַ פּאָר מינוט האָט רב יעקב פנחס געשוויגען, דערנאָך האָט ער אויסגעווישט די אויגען און ווייטער דערצעהלט.

דעם דריטען טאָג חול־המועד סכּות וועל איך אייביג ניט פערגע־סען. אַ ביטערער, פינסטערער טאָג איז עס געווען. אַ אָנהויב צו אַלע מיינע צרות, וואָס נאָכדעם, ווען איך רעד פונ׳ם דאָזיגען טאָג, ווער איך צוקאָכט, אין קאָפּ איז מיר אַ אויסמישעניש און אַז איך רעד, האָב איך איין וואָרט פאַר׳ן אַנדערען. איך וועל אייך איבערגעבען ווי ווייט איך קען.

מיעד, הונגעריג, צובראָכען פון דער אַרבייט יענעם טאָג, בין איך אַהיים געקומען, אין דער־גיך אָפּצועסען און לויפען צוריק צו דער אַרבייט. איהר ווייסט דאָך, אַז „זמן שמחתנו" איז דער אָנהויב „זמן" פאַר מלמדים, צו בעקומען קינדער און צונויפשטעלען אַ חדר. דאָס איז ממש אַזוי שווער ווי „צו קינד" געהן. מלמדים בוצקען זיך דענסטמאָל איינע מיט די אַנדערע, דער יענעם פאַרלויפט דעם וועג, איטליכער טהוט וואָס ער קען, צו בעקומען נייע קינדער און אָנפּייפען יענעם אין חדר. אַלע מיטעל זענען דענסטמאָל רעכט — רכילות, מסירות, פאַלשע שבועות, שקרים, וואָס נאָר מעגליך.

לויף איך אַריין אין שטוב געשווינד, זאָגענדיג צו מיין ווייב אין איין אָטעם: עסען!... ניטאָ קיין צייט!... נעהמט מיין ווייב די אַלע ספּראַנזאַלען: אַ טישטוך, מעסער, זאַלץ, אַ קריגעל וואַסער מיט אַ האַנד־

טוך, מיר אין האַנד גיט זי צום טראָגען אַ שיסעל מיט הייסען קאָליש און אַזוי בעלאָדען לאָזען מיר זיך געהן גיך פוג׳ם שטוב אין הויף אַריין. ווי מיר קומען צו דער סוכּה — טפּרר! — דאָס טהירעל איז פערשלאָסען! וואָס טהוט מען? גיט מיר איבער מיין ווייב דאָס קריגעל וואַסער, דאָס טישטוך מיט דעם האַנדטוך וואַרפט זי מיר אַרויף אויפ׳ן אַקסעל און זי אַליין לאָזט זיך געהן צו די שכנים פרעגען וועגען דעם שליסעל. און בעת זי געהט זיך אַרום פון איין שכן צום אַנדערען, שטעה איך מיר אין הויף, איינגעהילט מיט דעם טישטוך ווי אַ טלית, דאָס קריגעל וואַסער אין דער לינקער האַנד, די שיסעל קאָליש אין דער רעכטער, און קען מיך ניט ריהרען פון אָרט, ווי צוגעשמידט צו דער ערד. דער טאָג איז געווען אַ וואָלקענדיגער, אַ אָסענדיג רעגענדיל האָט זיך געזייהט ווי דורך אַ זיפּ און אַריין אין שיסעל געקעכטס.

איך שטעה ווי אין געהאַקטע וואונדען און אין קאָפּ פּיקט מיר דער „חדר״, אוי ווה, טאָמער וועלען זיך יענע פערחאַפּען צו די בעלי־הבּתים און אוועקנעהמען די קינדער, אויף וועלכע איך האָב איין אויג. יעדע מינוט האָט זיך מיר געצויגען ווי אַ שעה. ווען ניט די מורא פאַר מיין ווייב, וואָלט איך אַ וואָרף געטהון די שיסעל מיט די אַלע זאַכען און וואָלט אַנטלאָפען. מיין ווייב געהט דערווייל אַרום צווישען די שכנים — אַהין־אַהער, ניטאָ ביי זיי קיין שליסעל! געהט זי דאָך צו אייזיק־בער׳ן, געהן זאָל ער אין דער־ערד אַריין! זאָגט דאָס ווייב זיינס, די אַרורה: ביים מאַן איז דער שליסעל. זאָגט מיין ווייב: געהט נעהמט ביי איהם דעם שליסעל. זאָגט דאָס ווייב זיינס: מיין מאַן שלאָפט. זאָגט מיין ווייב: אייער מאַן שלאָפט און מיין מאַן איז הונגעריג. זאָגט זיין ווייב: אייער מאַן קען וואַרטען. זאָגט מיין ווייב: אייער מאַן קען אויפשטעהן. צולאָזט זיך זיין ווייב אויף מיין ווייב מיט זידלערייען. גיט מיין ווייב אָפּ זיין ווייב די זידלערייען צוריק מיט אַ צוגאָב. שטעהט אויף אייזיק־בער, קיין תּחית המתים זאָל ער ניט אויפשטעהן, בייזערט זיך אויף מיין ווייב, שטאַרק אין כּעס, נעהמט און שטופּט זי אַרויס פון שטוב. שרייעט מיין ווייב נעביך זעהר פערביטערט, פערזאַמלען זיך אין אַ רעדעל אַלע מענשען אין דעם הויף פון קליין ביז גרויס. עס ווערט אַ טומעל, אַ קאָכעניש, עס דערגרייכט ביז צו אַ געשלעג און פערציהט זיך העט ביז נאָך מנחה־צייט.

— פאַרטרויערט, פאַרשעמט קעהר איך מיך אום מיט מיין ווייב אין שטוב אַריין, זי נעביך, גיסט אויס איהר האַרץ, רעדט, טענה׳ט.

ווינט, און איך דאווען מעריב, לייען קריאת-שמע, פאל ווי א דער׳הרגע-טער אויפ׳ן בעט און שלאף אהן עסען, אהן טרינקען. אויפחאפענדיג זיך אויף מארגען, דערפיהל איך שטארקע קאפשמערצען, די גלידער זענען מיר שווער און קען ניט ריהרען מיט איין אבר. פון בעט קען איך שוין ניט אראפ. הויבט זיך אן א מעשה מיט דאקטורים. זאגט מען, דאס איז מיר געקומען פון א שטארקע פערקעלטונג אין סוכה און אויפ׳ן הויף, בשעת איך בין געשטאנען דארט אנגעלאדען ווי א אייזעל אונ-טער׳ן פרייען הימעל. בקיצור,—איך בין אפגעלעגען א היבשע צייט קראנק, פארדולט, נישט צו-וויסען אויף וואס פאר א וועלט איך בין. אז איך האב מיך אויפגעחאפט איז שוין געווען לאנג, נאך בין-הזמנים, נאך „זמן שמחתנו״ הייסט עס. די מלמדים האבען מיר צונומען דעם חדר, און איך בין געבליבען אויסגעשטעלט — אהן פרנסה!

— און אז דאס שלים׳מזל נעהט, שלעפען איהם זיך נאך פיעל אנדערע צרות. עס דויערט ניט לאנג, בעקום איך א פאפירעל פונ׳ם „מיראַוואי סודיא״ וועגען א חוב פון צוויי הונדערט רובעל, וואס איך בין שולדיג אויף א וועקסעל אייזיק-בער׳ן, פערחאפט זאל ער ווערען. בלייב איך מיט מיין ווייב פארגאפט, קוקען איינער דעם אנדערען אן, נישט צו פארשטעהן תחילת, וואס דאס בעטייט, אפשר איז עס א טעות. איך מאך מיר הארץ און נעהם מיך טרייסטען מיין ווייב, לאכענדיג דערביי מיט גרינע ווערם. זיי זיך ניט מצער, שיינדיל-מיריל, זאג איך, ניש׳קשה. איך וועל געהן און זאגען להד״ם! לא, מיט א אלף. און ווי איך רעד אזוי, לאזט מיין ווייב ארויס א געשריי אויף א וויינענדיג קול: אוי, א וועה-טאג א גרויסער. דאס שמעקט אודאי מיט די הונדערט רובעל, וואס מיר האבען אמאל געליהען אט ביי דעם גזלן אויף חתונה צו מאכען אונזער טאכטער, חסיא-גיטיל! — ע, וואס רעד-סט-דו, זאג איך צו מיין ווייב, נאט איז מיט דיר, די הונדערט רובעל האבען מיר דאך שוין גאנץ לאנג אויסגעצאהלט קרן מיט פראצענט אלע וואך! — נו, און דער וועקסעל אונזערער וואו איז? פרעגט מיין ווייב, אט דער וועקסעל, דער טאפעלער, אויף צוויי הונדערט רובעל, וואו איז? — דער וועק-סעל, פרעגסט-דו, וואו איז? זאג איך שטאמלענדיג, ער איז איבערגע-בליבען ביי איהם... אויסגעמעקט זאל ער ווערען, ביי איהם... אוי, ביטער! שרייעט מיין ווייב, אויסשטרעקענדיג די הענד צו מיר מיט א געוויין, געוואלד, שוטה, וואס האסט-דו איבערגעלאזט דעם וועקסעל ביי דעם רוצח אין די הענד? — מילא, וואס איז דא אזוינס? זאג איך,

דער וועקסעל איז דאָך אַ אָפּגעצאָהלטער, איז דאָך די עבירה אויף איהם, אויף איהם, וואָס ער האָט עובר געווען אויף אַ לאו און געהאַלטען אַ אָפּגעצאָהלט וועקסעל ביי זיך אין שטוב! — מ-ל-מ-ד! לאָזט מיין ווייב אַרויס אַ געשריי און בלייבט אין חלשות.

— דעם סוף דערפון ווילט איהר הערען, רב מענדיל, אוי, הלואי אַזאַ סוף אייזיק-בער'ן. אין דר'ערד אַריין ער מיט אַלע פּראָצענטניקעס זיין גלייכען! עס האָט ניט געדויערט לאַנג, האָט מען מיר איבערגעשריבען אַלע זאַכען אין שטוב, האַק און פּאַק מיט די בעבעכעס, עפּענטליך פאַרקויפט אַלסדינג און מיר זענען געבליבען בלוטאָרם און נאַקעט, ווי די מאַמע האָט אונז געהאַט!

ביי די ווערטער איז רב יעקב פּנחס געבליבען שטעהן שטיל, אַרויפלייגענדיג די האַנד אויפ'ן פּנים, און האָט געזיפצט, געריבען די אויגען. דערנאָך קעהרט ער זיך אום צו מיר און זאָגט:

— איך וועל אייך ענדיגען די מעשה בקיצור, וואָרום דערצעהלען אַלסדינג אַקוראַט איז איבער מיינע כחות, אַזוי שרעקליך איז דער סוף. די לעצטע צרה מיינע טרעפט איבער אַלע מיינע פריהערדיגע צרות אינאיינעם — מיין ווייב איז פאַר גרויס צער קראַנק געוואָרען און געשטאָרבען!...

## ד׳

קוים האָט רב יעקב פנחס געענדיגט, איז ער זיך פאַרגאַנגען אין הוסטען און געשפּיגען מיט בלוט ווי אַ לונגענזיכטיגער.

איך שטעה מיט אַ פאַרקלעמט האַרץ און פאַרטיף מיך אין די געדאַנקען איבער דעם גאַנצען ענין פון סוכּה. סוכּה איז אודאי אַ גרויסע מצוה, נאָר, רבונו של עולם, אַזאַ מצוה, וואָס געהער זיך אָן אינגאַנצען מיט ארץ ישראל, וואָס געפאַלט אין דער צייט, ווען מען זאַמעלט די תבואה פון די פעלדער, די טרויבען פון וויינגערטנער און הייסט דעריבער „חג האסיף“. — וואָס פאַר אַ שייכות האָט עס מיט חוץ לארץ, וואו מיר זענען „לופט=מענשען“, לעבען מיט נסים, פעריאָגט. פערוויסט, האָבען ניט קיין נחלאות, קיין גיטער און האָבען גיט וואָס צו זאַמלען, רבונו של עולם! יודען ווילען נעביך מקים זיין אַ מצוה, טהון דיין געבאָט, נאָר אוי, וועה=געשריען, דאָס האַרץ רייסט פאַר רחמנות, ווי שווער אַזוינס קומט זיי אָן. דאָס האַרץ פאַרלויפט מיט בלוט צוזועהענדיג, ווי עלענדע, דערשלאָגענע מאַכען זיך לוסטיג — אַ שמחה, אַ פרייד, כּדי מקים זיין דיין געבאָט, וואָס דו האָסט געהייסען פרעהליך זיין!... וואָס איז עס פאַר אַ „חג האסיף“, אַ יום=טוב פון זאַמלען, אז ס׳איז ניטאָ וואָס צו זאַמלען ?!..

און ווי איך שטעה דאָ אַזוי און טראַכט, דערזועה איך פאַר מיר אַ גאַנצע קאָמפּאַניע מענשען געהענדיג אויפ׳ן וועג, מאַנסבילען מיט ווייבער אינאיינעם, אָפּגעריסענע, אָפּגעשליסענע, מיט שטעקלעך אין די הענד און טאָרבעס אויף די פּלייצעס.

— פון וואַנען זענען עס יודען? — פרעג איך די קאָמפּאַניע, וואָס האָט זיך אָפּגעשטעלט נעבען מיר.

— מיר, פון וואַנען זענען מיר? ענטפערען אָפּ אַלערליי קולות אינאיינעם — פון אַקערמאַן זענען מיר. קיין שאַבּא געהען מיר.

— אויף ווינטרויבען־עסען בּיי די דייטשען?

— אויף נדבות קלייבּען בּיי יודען, וואָס קומען אויף ווינטרויבען.

— וואָס־זשע אַזוי שפּעט? פאַר וואָס זענט איהר ניט געקומען פריהער?

— נישקשה, האָט ניט קיין זאָרג! מיר האָבּען געטהון ווי דער סדר העולם איז. די „ימים־נוראים״־צייט איז, ווי עס פיהרט זיך אין דער וועלט, אַ צייט אויף נדבות זאַמלען בּיי אונז אָרימע לייט. דעם גאַנצען חודש אלול זענען מיר פאַרנומען אויפ׳ן בית־עולם, צונויפנעהמען פון די, וואָס קומען אויף קבר אבות. ערב יום־כפור שטעהען מיר מיט אויסגעשטרעקטע הענד אויפ׳ן שולהויף און שטעלען אויך קערות, טעלער אין די שולען און בתי־מדרשים. אַ צינד, אַז מיר האָבּען זיך אָפּגעפאַרטיגט אין שטעדטיל בּיי אונז, געהען מיר אויף דער אַרבּייט, צונויפנעהמען בּיי׳ם צונויפגעפאָהרענעם עולם אין שאַבּא. נישקשה! — רב יוד! לאָזען זיי אויס דעם שמועס, אויסשטרעקענדיג די הענד צו מיר מיט אַ געבּעט — ניט, ניט אַ נדבה, רב יוד, און מאַכט אונז אַ גוטען „פּעטשאַטיק״

איך שטעה אַ רגע שטיל, קוק און טראַכט. פון איין זייט זעה איך נוים אַרבּייטען, זאַמלען פון די וויינגערטנער, פון די פעלדער, און פון דער אַנדער זייט, מיר אַקעגען זעה איך יודען מיט טאָרבּעס, יודען קבּצנים, וואָס זאַמלען נדבות אויף בּית־עלמין׳ס, אין הייזער, אין שולען, אין מאַרק און אין די גאַסען! איך טראַכט, טראַכט און עס רייסט זיך מיר אַרויס טיעף פון האַרצען אַ קרעכץ מיט די בּיטערע ווערטער:

— אוי, אַז־אַך און וועה צו אונז, מיר האָבּען, יאָ, יאָ, מיר האָבּען אַ „חג האסיף״, אַ יום־טוב פון זאַמלען — אַ „חג האסיף״ פון גלות.

# וואָס הייסט חנוכה?

# וואָס הייסט חנוכה?

— אַ גרויסער נס איז מיר געשעהען אום חנוכה.

— וואָס עפּיס „מיר“, שמואל? פאַר וואָס ניט „אונז“? ס'איז דען ניט פּונקט אַזוי מײַן נס, ווי דײַנער?

— יאָ, ליעבער איגנאַץ, אַ גרויסער נס איז געשעהען אום חנוכה, מיר און ניט דיר.

— געה טענה מיט אַן'אַלטען בית־מדרש'ניק! בײַ אײַך קומט אויס, אַז מיר, היינטיגע יודען, זענען גאָר קיין יודען ניט, אַז די אַמאָ־ליגע באַנק־קוועטשערס האָבען עפּיס אַ מין קאָנטראַקט מיט'ן רבונו־של־עולם, אַ מין חזקה אויף יודישקייט.

— דאָס וואָס דו זאָגסט, איגנאַץ, איז גאָר ניט שייך צו דער מעשה, וואָס איך האָב אָנגעהויבען דערצעהלען. אגב איז היינט בכלל ניט קיין צייט פאַר אַזעלכע וכוחים. היינט איז דאָ בילבערע אַרבּייט: האַפּען אַ קערטעל און עסען לאַטקעס און פערברײנגען מיט היימישע מענשען. אָט צוליעב דעם האָב איך דיך טאַקי פערבעטען צו מיר, ברודער. נאָר אַזוי ווי די איבעריגע געסט זענען נאָך ניט געקומען און דו האָסט שוין בעריהרט דעם דאָזיגען הארבען ענין, מוז איך דיר דע־רויף אײַנגאַנצען אָבענטפערען. פערשטעהסטו מיך, יודען זענען מיר אַלע, סיי פרומע, סיי משכילים, סיי נאָטספּאָרכטיגע, סיי פרייע. איך למשל, בין פון קינדווייז־אויף געזעסען „באהלי שם“, אין חדרים, אין ישיבות, און דו ביסט געגאַנגען אין שקאָלעס און האָסט ניט געוואוסט, וואָס הייסט אַ „עול־תורה“, פונדעסטוועגען זענען מיר ביידע יודען. נאָר וואָס דען איז צווישען אונז דער חילוק? מיר האָט זיך דאָס יודישקייט

איינגעגעסען אין הארץ, אין מוח און אין אלע רמ״ח אברים, נאָך בראָט פיהלט אין אַ יודישען מנהג אַ בעזונדער טעם, אונז ליעגט עס אין די ביינער, סיי מיר ווייסען דאָס, סיי מיר ווייסען דאָס ניט. מיר מעגען אפילו נאָכדעם אראָב פונ׳ם וועג, מיר מעגען זיך אפילו, חס ושלום, שמד׳ן — דעם טעם פון יודישקייט קענען מיר שוין קיינמאָל ניט פערגעסען. נעהם אָבער אזוינע חי דו, — מענשען וואָס זענען קיינמאָל ניט געזעסען על התורה ועל העבודה, בעל־תשובה׳ניקעס, וואָס האָבען פון קינדערווייז׳אן דעם יאָך פון יודישקייט אויף זיך ניט געטראָגען, — אזוינע קענען ניט פיהלען דעם אמת׳ן טעם פון אַ יודישען מנהג, פון אַ יודישער מצוה, זיי מעגען אפילו ווערען וואויל און גוט און מקיים זיין אלסדינג מיט דער גרעסטער כונה.

— גענוג שוין גענוג, וואָס דו רעדסט, שמואלו אזוי טענה׳ן דאָך אלע בטלנים אין בית־מדרש הינטער׳ן אויבען. גלאָט געבעקעט, געחקירה׳ט איז דער וועלט אריין. דאָס דארף מען דאָך ערשט דערוויזען.

— דערווייזען? אדרבא! איך קען דאָס דערווייזען מיט גאַנצע פעק ביישפיעלען, מיט גאַנצע אוצרות פאַקטען, צעהן, הונדערט...

— גוטען אָבענד! גוטען אָבענד!... וואָס קאָכט איהר זיך דאָ אזוי, וואָס איז דאָס ביי אייך פאַר אַ געפילדער? איהר׳ט זיך, קענטיג, אזוי פערטיעפט אין הלכות קאָרטען, אז איהר׳ט גאָר ניט געהערט, ווי מיר זענען אריינגעקומען. שוין צוויי מאָל האָבען מיר אייך געזאָגט גוטען אָבענד!

— אַ — אַ, ברוכים הבאים! ברוך הבא פאַני טודרוס, פאַני ירח, פאַני גימפעל. פאַני... פאַני...

— שאַט! אום חנוכה איז גאָר ניטאָ קיין „פאַני“, אום חנוכה אין מען זיך נוהג צו זאָגען „ר׳ב״ טודרוס, „ר׳ב״ גימפעל, פונקט ווי אום שבת זאָגט מען „מנדול״ שטאָט „מגדיל״. נאָר ניט דאָס זענען מיר אייסען. דער עיקר: פון וואָס ריידען דאָס יודען מיט אזא אימפעט? אפשר האָבען מיר אייך איבערגעריסען אינמיטען, רב שמואל, טאָ לאָזט זיך ניט שטערען. טאָמער איז אַ סוד, וועלען מיר דערווייל איבערגעהן אין עס־צימער זאָגען דער בעל־הבית׳טע אַ גוטען אָבענד.

— חלילה! מיר זענען דאָ ניט עוסק בנסתרות. זיצט, יודען, וועט איהר אויך הערען, איך האָב אָנגעהויבען דערצעהלען אינגאַנצען, וואָס פאַר אַ נס ס׳איז מיר געשעהן אום חנוכה.

— אדרבא, דערצעהלט, דערצעהלט, וועלען מיר הערען. נאָר מאַכט ניט קיין שהיות. ס'איז דאָך עפּיס חנוכה אויף דער וועלט. יו דען שפּיעלען אין קוויטלעך און אין קאָרטען. ווי זאָגט דער פּסוק: הלילה הזה כלו אָקע. א רענדעל א מינוט...

— די מעשה איז גראָד ניט קיין לאַנגע. דער גאַנצער תּוך שטעקט אייגענטליך ניט אין דער מעשה אַליין, נאָר אין דעם פּועל-יוצא, וואָס זי האָט געהאַט פאַר מיר שפּעטער. דעריבער איז ביי מיר געוואָרען א מנהג צו דערמאָנען זי אַלע יאָהר אום חנוכה.

אין יענער צייט, און אפשר נאָך איצט אויך, איז פאַר יודישע יונגלעך, וועלכע זיצען נעבעך פערשפּאַרט אין חדר ווי די היהנער אין שטייג, פון אינדערפריה ביז נייַן אַ זייגער אויפדערנאַכט, ניט געווען קיין שעהנערע צייט, ווי די אַכט טעג פון חנוכה. אַ קלייניגקייט הנ·כה! פון לערנען איז מען פריי, חנוכה-געלד נעהמט מען ביי טאַטע און מאַמע, פעטערס און מוהמעס, זיידעס און באָבעס, אין דריידעל שפּיעלט מען, מסחרים מאַכט מען, און אז גאָט העלפט, שפּאַלט מען נאָך קאָר-טאָפּליעס אויף צווייען און מע מייסטרעוועט פון זיי חנוכה-לעמפּלעך פונ'ם טאַטענ'ס ווענען, — הכּלל, מע לעבט ווי גאָט אין אָדעס. איך געדענק, גראָד דעמאָלט, צום אַכטען ליכטעל, בין איך געוועזן אויפגע-לעגט גאָר אויף אַנ'אַנדער אופן. די אַכט חנוכה-לעמפּלעך, וואָס האָ-בען געברענט אויף א פענסטער נעבען דער טהיר, האָבען אין מיינע אויגען אויסגעזעהען ווי די בעכערס פון דער גאָלדענער מנורה אין בּית-המקדש; די קנייטלעך האָבען געשיינט און געפינקעלט, ווי אַכט לויטע-רע שטערענדלעך. אין שטוב איז ליכטיג און ווארים, די מאַמע פּרעג-געלט שמאַלץ, דער ריח פון גריוועץ און ציבעלעס פערגעהט אין דער נאָז און קיצעלט. דער טאַטע זיצט מיט געסט אַרום טיש און מען איז זיך מפלפל אין דברי-תּורה. יודען ריידען מיט אַלע אברים, מען מאַכט מיט די הענד, מען דרעהט דעם גראָבען פינגער, מען מאַכט משונה געוואַלדען. הכּלל, ס'איז ליהודים... פון וואָס רעדט מען? מטנינא דיומא, פערשטעהט זיך. אַלע מאָל הערט זיך פון דעם רעש א שאלה: „וואָס איז חנוכה?“ יודען קנייטשען מיט די שטערנס, פערקרימען זיך זעהר שטאַרק, בייסען דעם שפּיץ באָרד, מען זעהט בעשיינפערליך: זיי קענען זיך ניט פערענטפערען די האַרבע קשיא: „וואָס הייסט חנוכה?“ איינער פון דער קאָמפּאַניע שטעהט אויף, דערצעהלט דעם עולם עפּ'ס א „תנו רבנן“, פערטיעפט זיך אין דעם עניו, געפינט אַלע מאָל נייע

פשטים, דרשנ'ט מיט גרויס התלהבות, שאַרפט זיך אַ מוח. איך האָב פון די אַלע שעהנע פערפּלאָנטערטע דרשות פערשטאַנען נאָר איינס: „גוים האָבען מטמא געווען אַלע בוימלען, וואָס אין היכל, און אַז די חשמונאים האָבען גובר געווען און האָבען זיי פערטריעבען, האָט מען געפונען נאָר איין קריגעל מיט בוימעל, וואָס איז געווען פער'חתמ'ט מיט דעם כהן־גדול'ס חתימה. דאָס קריגעל האָט געקענט קלעקען נאָר אויף איין טאָג, איז געשעהן אַ נס און מ'האָט געלייכט דערמיט גאַנצע אַכט טעג". מחמת איך בין געווען דעם אויפדערנאַכט זעהר בגלופין און מחמת דער יום־טוב חנוכה איז ביי מיר געווען זעהר חשוב, האָב איך, אַ פּיצעל, אַ שנעק, זיך ניט געשראָקען פאַר אַ טאַטען און פאַר פרעמדע יודען מיט בערד און האָב אַ זאָג געטהאָן כמשיח לפי תומו:

— אַ גרויסע מציאה! אַכט טאָג פון אַ קריגעל איז גאָר קיין נס ניט. אָט, אַ שטייגער, ווען מע וואָלט געלייכט פון איין קריגעל אַ גאַנץ יאָהר און סע וואָלט געווען אַ גאַנץ יאָהר חנוכה, אָט דאָס פערשטעה איך, אָט דאָס וואָלט געהייסען אַ נס. מען וואָלט פּטור געוואָרען פון דעם מלמד מיט זיינע פּעטש און סטוסאַקעס...

איך האָב נאָך ניט אוספּייעט ענדיגען, האָט מיר דער טאַטע אַראָבגעלאָזט אַ פּאַטש הגדול הגבור והנורא.

— פּרא אדם! הולינקעס גלוסט זיך איהם. סע וואָלט נאָר אַרומגעלאָפען, ווי אַ שייגעץ, ניט טהאָן אַ האַנד אין קאַלט וואַסער. אויסוואַקסען אַ גוי, אַ חאַמולע, אָט דאָס ווילסמו, האַ? — אַזוי האָט דער טאַטע געשריעגען, און איך וואָלט מסתמא פון איהם געלייזט נאָך ניט איין פּליאַסק אין פּנים, איז מיר אָבער געשעהן אַ נס: דאָס היטעל איז נאָך פון'ם ערשטען פּאַטש אַראָבגעפלויגען אויף דער ערד. איידער איך האָב זיך אָנגעבויגען, איידער איך האָב עס דערלאַנגט, האָב איך דאָך געמוזט פערדעקען דעם הוילען קאָפּ מיט דער פּאָלע פון דער קאַפּאָטע, איז דעם טאַטען דערווייל אָבגעגאַנגען דער כעס... וואָס שמייכעלסטו איגנאַץ, מאַכסט חוזק?

— פונקט פערקעהרט! איך זעה, אַז איך בין געווען אומגערעכט מיט מיינע טענות, דעריבער שמייכעל איך איצט.

— גלויב מיר, ליעבער איגנאַץ, דו ביזט שטענדיג אומגערעכט, ווען דו בעשולדיגסט מיך אין אַזוינע זאַכען. און ווייסטו פאַר וואָס? ווייל דו ביזט, גוטער ברודער, אַ בעל־תשובה, און אין יעדען בעל־תשובה שטעקט אַ שטיק פאַנאַטיקער, וואָס טשעפּעט זיך, זוכט חסרונות

אין יענעם איז משונה שטאַרק צופריעדען, ווען ער געפינט עפּעס אַ פּגם אין אַן׳עלטערען — עס מעג דאָס זיין אַ טאַטע, אַ זיידע, אָדער גלאַט אַזוי איינער פון פריהערדיגען דור. קיינער אויף דער וועלט ווערט ניט אַזוי צעקאָכט פון אַ מינדסטער זאַך, קיינער איז ניט דן זיין חבר לכף־חובה, ווי אַ בעל־תשובה. און טאַקי דעריבער, וואָס זיי, די בעלי־תשובה׳ניקעס, האָבען ניט די מדה פון סבלנות, בעקומען זיי, ס׳זאָל זיי צו קיין חרפה ניט זיין, אַ מאוס׳ן שם און מ׳האָט מורא צו שטעהען אין זייערע ד׳ אמות.

— נאָר דעם פּאַטש אַליין,— האָט שמואל ווייטער דערצעהלט,— וואָלט גאָר ניט געווען כדאי צו דערמאָנען, ווען ער וואָלט מיט דער צייט ניט געמאַכט אין מיר קיין איבערקערענישׁ און וואָלט מיך ניט געבראַכט צו נייע געדאַנקען.

— אייער זכות, רבותי, לאָזט איבער אויף אַן׳אַנדערש מאָל, — האָבען זיך אַריינגעמישט די געסט, — איצט קאָנטשעט די מעשה, נאָר מאַכט עס בקיצור.

— הכלל, דער פּאַטש, וואָס איך האָב דעמאָלט בעקומען פון׳ם טאַטען, איז ניט געגאַנגען לאבוד. דער גאַנצער שמועס וועגען חנוכה, דעם טאַטענס כעס, דער אומגעריכטער פּאַטש — אַלסדינג איז מיר געבליעבען אין זכרון און דאָס האָט מיך געטריעבען נאָך יונגערהייט צו קלעהרען און עוסק צו זיין אין דער שאלה: „וואָס הייסט חנוכה?" פון אָנהויב האָב איך געוואוסט, ווי אַלע יונגלעך, אַז אום חנוכה זאָגט מען „על הנסים" און אין „על הנסים" שטעהט: „אין דער צייט פון מתתיהו בן יוחנן חשמונאי מיט זיינע זיהן די כהנים איז אויפגעשטאַנען מלכות יון הרשעה אויף דעם פאָלק ישראל צו מאַכען עס פערגעסען די הייליגע תורה. און הקדוש ברוך הוא האָט געטהאָן אַ נס און האָט איבערגעענטפערט שטאַרקע אין די הענד פון שוואַכע און רשעים אין די הענד פון צדיקים און מוטוויליגע אין די הענד פון די וואָס לערנען זיין תורה. נאָכדעם האָט מען אויסגערייניגט דעם בית־המקדש און אָנגעצונדען ליכט און איינגעפיהרט אַכט טאָג חנוכה". האָב איך מיר פון דעם געדרונגען אַזוי: די שטאַרקע — דאָס זענען די יונים, די שוואַכע — דאָס זענען מתתיהו מיט זיינע זיהן מיט די איבעריגע עהרליכע יודען, לומדים, באַנק־קוועטשערס, אַ שטייגער ווי די היינטיגע מלמדים, רבנים און בטלנים, וועלכע זיצען אין בית־מדרש און זענען עוסק בתורה. יענער צד איז מסתמא אַרויסגעגאַנגען אין דער מלחמה

16 באַנד — 3 בויבן

מיט פערד און מיט רייטוואָגענס, מיר — מיט תשובה, תפלה וצדקה. אז ס׳איז געווען אַ יהודי המכבי אויף דער וועלט און אַז ער מיט זיינע ברידער זענען געווען שטאַרקע הילם-לייט, וועגען דעם האָב איך, פערשטעהט זיך, קיינמאָל ניט געהערט און דער רבי האָט מיר אויך ניט געזאָגט קיין האַלב וואָרט. אַז איך האָב נאָכדעם דערהערט אין דער היים ביי אונז, מ׳איז זיך מפלפל אין דער שאלה: „וואָס הייסט חנוכה?״— האָב איך מיר אָייגעלערנט דעם פשט, אַז דאָס, וואָס עס שטעהט אין „על הנסים״, איז אַפנים ניט אינגאַנצען קלאָר און סע פערענטפערט ניט אַלע קשיות. די דרשה מיט׳ן קריגעל בוימעל, וואָס ס׳האָט געקענט קלעקען נאָר אויף איין טאָג און מ׳האָט דערפון געלייכט גאַנצע אַכט, האָט זיך מיר אויך ניט געלעגט אויפ׳ן שכל: וואָרום זעלט׳ס אַנדערש זיין, אַז ס׳איז אַזוי, וואָלט דאָך דער נס געדויערט נאָר 7 טעג. פאַר וואָס זשע האָט מען אַיינגעפיהרט 8 טעג? — אָט אַזוי פון קלערעניש צו קלערעניש, פון זוכעניש צו זוכעניש, ביז איך האָב זיך געלאָזט איינריידען פון יצר הרע און האָב געהאַפט אַ קוק אין ספרים חצונים — אין יודישע היסטאָריע, הייסט עס. דעמאָלט ערשט האָבען זיך מיר געעפענט די אויגען און איך האָב געפונען אַ ענטפער אויף מיין קשיא.

— אַצינד, רבותי, הע-הע, וויים איך, וואָס הייסט חנוכה!

# דער חילוף

# דער חילוף

אין חודש אדר, זאָגט די גמרא, מרבין בשמחה — פרעהען זיך יודעלעך אויף וואָס די וועלט שטעהט. דער שניי ווערט צוגאַנגען, אויף די וועגען — אַ טוואַן, יודישע קינדער, פערשמירטע פערדריפּעטע ביז איבער׳ן גאַרטעל, הויבען זיך אָן שאַרפען אַ מח, וואו נצהמט מען אויף פסח, הכלל, ס׳איז זמן שמחתנו...

אָט אין דעם חודש בעקום איך אַ בריוועל פון מיינעם אַ גלופּסקער אַ בעקאַנטען, אַז איך זאָל למען השם זעהען קומען וואָס גיכער אין זיין מקום אַריין האַק-און-פּאַק — מיט דעםביידעל און מיט די פעקלעך ספרים, אויף צומאַכען אַ חילוף: פאַר מיינע אַלטע מינים סחורה וועל איך פון איהם בעקומען די היינטיגע נייע סחורה: דהיינו, אַלערליי מיני זאַמעל-ביכער, מעטאָדעס, פּאָעזיע, בילדער און סקיצען, העכסט אינטערעסאַנטע ראָמאַנען, ערצעהלונגען פסיכאָלאָגישע, עקאָנאָמישע. געזעלשאַפטליכע, נאָך פיינע קונציגע זאַכענישען, אַזוינע און אַזוינע, חנוכה-לעמפּלעך און נאָך עפּיס — אויך. דער דאָזיגער בעקאַנטער מיינער האָט אַ סך פרנסות און וועניג ברכות: ער איז אי אַ מוכר-ספרים, אי אַ מעקלער, אי אַ שטיקעל מחבר, אי אַ שטיקעל פערלעגער און דערביי איז ער אַ קבצן, דוקא אַ גרויסער, ניט פאַר יודישע קינדער געדאַכט. דעם אמת זאָגענדיג, האָב איך איהם נישט זעהר שטאַרק געגלויבט, ווייסענדיג, אַז בשעת-הדחק איז ער, ניט אויסגערעדט זאָל עס זיין, אַ ליגנער, ווי דער שטייגער איז פון פיל סוחרים אַזוינע, וואָס חאַפּען אַריבער די מאָס ביים קויפען און פערקויפען סחורה. זייערס איז גינגאָלד און פון יענעמס מאַכען זיי אַש.

דעריבער לײענענדיג אין זײן בריװעל, װי ער מאַכט אַ תל פון דער אַלטער סחורה און לױבט אין טאָג אַרײן די נײע, האָב איך ניט געמאַכט דערפון אַזאַ פּירוש. עט!... פונדעסטװעגען האָב איך זיך מישב געװען, אַז צראָכפּאָהרען קײ, גלופּסק איז גאָר ניט קײן קרומע זאַך. װאָס װעל איך מיך האַלטען מיט מײן סחורה? שױן זיך צוגעגעסען. מעגליך, יענע איז ערגער, נאָר גוט-שלעכט, בעסער-ערגער — האַנדלען בעדאַרף מען! דעם פױערס װערטיל טאַקי: ניחײ הירשע אַבי אינשע. זאָל זיך זײן אַ ערגערער אַבי אַ נײער בעזעם..

געװאָלט האָב איך פאָהרען טאַקי באַלד, כדי איך זאָל נאָך אָנציהען קײן גלופּסק אױף פּורים און זעהען די בעריהמטע גלופּסקער פּורים-שפּיעלער, װאָס אַלע טעג פון אַ גאַנץ יאָהר זענען זײ, נעבעך, פּראָסטע נאַראָנים, און אַז עס קומט פּורים װערען זײ מיט אַ מאָל דורכגעטריעבענע חכמים און עס שיט זיך פון זײ גלײכע-װערטלעך, װי פון אַ לעכערדיגען זאַק. פונקט, װי די גרױסע שכורים, להבדיל, װאָס גראָד אום-פּורים זענען זײ ניכטער. איז עס אָבער מיר ניט בעשערט געװען: איך האָב, װי אױף צו להכעים, געמוזט בלײבען נאָך עטליכע טעג אין דער הײם.

האַלטענדיג בײ דער נסיעה האָב איך ברעה געהאַט צו קומען פון'ם װעג אַ הײם אױף פּסח, אם-ירצה-השם. דעריבער האָב איך פאַר'ן פאָהרען געזעהען זיך פערזאָרגען מיט אַלע גוטע זאַכען, װאָס אַ יוד דאַרף האָבען אױף אַזאַ יום-טוב. רב ליב דעם מלמד האָב איך געבעטען מיך אין זינען האָבען מיט מצה-שמורה, און דעם װײב האָב איך געזאָגט: למען-השם זאָלסט ניט זשאַלעװען קײן ראָזינקעס, קײן װאַסער, און זאָלסט מאַכען צמוקים-װײן כיד המלך. און אַ זאַק קאַרטאָפּליעס זאָלסטו קױפען און גענזען-שמאַלץ און אַ געהאָדעװעטע אינדיטשקע לכבוד יום-טוב. אי װאָס, טאָמער װעט דיר פעהלען געלד, זאָלסטו זיך דאַרום גאָר נישט מאַכען און פערזעצען דײן ציהרונג, אַ פּאָר חפצים פון בעל-הבתישקײט, זאָלסט נישקשה גאָר קײן יסורים ניט האָבען. השם-יתברך װעט מסתמא מצליח זײן מײן װעג, װאָס דען? און צוריקקומענדיג אַ הײם בשלום, װעלען מיר, אם-ירצה-השם, האָבען אַ פרעהליכען פּסח. מיר װעלען עסען קנײדלעך און חרעמזלעך, פאַרטרינקען ראָזינקעס-װײן, מיט לאַקריצע און װעלען זיך װאױל טהאָן. — דאַכט זיך, בעװאָרענט אַלצדינג, װאָס טהוט אָבער גאָט?

גאָט האָט געשיקט אױף דער װעלט אַ רעגען מיט אַ שנײ, אַ

אויסמישעניש פון „גרייפעלעך", וואסער מיט נאסע שטיקלעך איז אינאיינעם, און דער וועג איז געוואָרען שלעכט ניט צו ריהרען זיך פונ'ם אָרט — נים מיט קיין וואָגען, נים מיט קיין שליטען, ניט מיט פערד און ניט צו פוס. ביטער! — איך האָב זיך קוים מיט צרות געשלעפט אַ תחום־שבת אַ טאָג, יעדער טריט האָט געקאָסט מיין בידנע פערדיל אַ סך בלוטיגען שוויים, עס האָט זיך נעביך געשלעפט אַ פּאָר טריט — און בעך, מיט'ן קאָפּ אין דער ערד! געפאַלען, אויפגעשטאַנען, אָבגעגאַנגען נאָך אַ פּאָר טריט — און ווייטער געפאַלען, און איך, שלימזול, גיי ביי דער זייט קנעט די בלאָטע, אויסגעשמירט, ווי אַ רוח פון קאָפּ ביז די פיס, גליטש מיך און פאַל איטליכע מינוט, פאַל און קרעכץ: אוי!

און געקרעכצט האָב איך ניט נאָר אויף מיר אַליין, נאָר אויך אויף דעם פערדעלע, מיין בידנע פערדעל נעבעך! פאַר וואָס קומט עס איהם נעבעך אַזוי פאַרשוואַרצט צו־ווערען? און נאָך צוליעב וועמען? צוליב מיר, באשר איך האָב געוואָלט מיט אַ מאָל פטור ווערען פון אַלע אַלטע לענגער־סחורה, האָב איך דערמיט אָנגעלעגט אַ פולען וואָגען, איבער דעם פערדעל'ס כחות, אום'ברחמנות, פאַרגעסענדיג זיך, אז ס'איז אַ צער־בעל־חיים.

כל־זמן דער בחור מיינער האָט זיך נאָך מיט צרות געשלעפט — געגאַנגען און געפאַלען, געפאַלען און אויפגעשטאַנען, געקראָכען אויס דער הויט און איז דאָך געגאַנגען — האָב איך זיך געמאַכט ניט וויסענדיג, איהם נאָך געוויזען אַ בייטש, געשריגען און געטריבען. אָבער אַז דאָס פערדעל איז סוף כל סוף גאָר אינגאַנצען פערקראָכען אין אַ זומפּ ערגיץ אונטער אַ באַרג און האָט זיך אויסגעצויגען אין בלאָטע, ווי גרויס ער איז, אויסשטרעקענדיג די פיס און דעם וויידעל און געבליעבען ליעגען, ניט צוריהרען מיט קיין אבר — האָט דאָס יודישע האַרץ זיך אָנגערופען אין מיר מיט אַ מוסר, אַזוי: נאַרישער יוד איינער! האָסט גענומען אַ כשר'ע בהמה און איהר פערזאומערט דאָס לעבען מיט שווערער אַרבייט, מיט אַ גוזמא בינדלעך ספרים דיינע, מיט פעקלעך שמות! יעדע זאַך האָט דאָך אַ שעור, ציגעל און שטיינער, אַ שטיינער, קען מען אָנלעגען אויף אַ פערדעל נאָר ביז אַ מאָס, אַ ניט וועט עס ניט אויסהאַלטען, און דו האָסט אַרויפגעלעגט אויף דיין פערדעל, אויף אַ עלענדע בעשעפעניש, די גאַנצע משא פון דעם יודישקייט, דעם גאַנצען עול פון יודישע פעקלעך! וואָס־זשע האָט זיך אויסגעלאָזט?

דאָס געצבע בעשעפעניש מוטשעט זיך נעבעך, קייכט, געהט-אויס מיט אַלע כחות, קען זיך ניט ריהרען פונ׳ם אָרט און פאָכט מיט דער נשמה. גיעב אַ קוק, ווי עס ליעגט פאַר דיר אָהן אַ סימן פון לעבען, ממש ווי א נבלה.

מילא. צו־וואָס לאַנג ברייען? פריהער איז עס געווען „ווי אַ נבלה״, שפעטער אַ ביסעל אַז געוואָרען טאַקי אַ נבלה — מיין פערדעל איז נע׳פגר׳ט!..

איך בין געגליכען געוואָרען אין יענער צייט צו אַ קאַפּיטאַן, וואָס זיין שיף איז איהם אונטערגעגאַנגען אינמיטען דעם ים. איינער אַליין שטעה איך אינמיטען וועג. און אַ ים פון בלאָטע שפרייט זיך מיר אַרום און אַרום. דאָס פערדעל ליעגט טויט, דער וואָגען איז ביז איבער די אַקסען אין בלאָטע, מאָרגען איז ערב־פסח, און מיר איז ביטער און פינסטער אויף דער נשמה. איך ווייס ניט, וואָס מען טהוט, וואָס מען הויבט אָן צו טהאָן. אַ יוד האָט דאָך אָבער אַ רבונו של עולם, אַז ס׳ווערט איהם שוין גאָר ענג, דערמאָנט מען זיך אָן זיין ליעבען נאָמען. אַזוי האָב איך אויך געטהאָן. ס׳איז געווען מנחה-צייט. האָב איך מיך אויסגעקירעוועט מיט׳ן פנים קיין מזרח, געזאָגט פטום הקטורת, געדאַווענט פאַמעליכען, בנעימות׳דיג, מיט כונה, געצויגען דאָס דאַווגען ביז ס׳האָבען זיך בעוויזען שטערען. הקדוש ברוך הוא האָט געהערט מיין תפילה און האָט מיר געוויזען עפּיס ווי אַ פייערעל פון דערווייטענס און האָט מיר אַריינגעגעבען אַ געדאַנק, איך זאָל געהן אַהין וואו עס לייכט זיך. האָב איך טאַקי אַזוי געטהאָן און האָב זיך געלאָזט געהן צום פייערעל, בין געקראָכען אויף הענד און אויף פיס גוטע צוויי שעה ביז איך האָב זיך דערשלאָגען צו אַ גוי׳עש שטיבעל. הינטער אַ גרויסען וואַלד. דער גוי האָט אויף מיר תחילת געקוקט מיט רוגזה, נאָר אַז ער האָט אָבער דערזעהען, אַז איך שטעה פאַר איהם אַ דערשראָקענער, אַ דערציטערטער, מיט אַנ׳אַראָבגעלאָזטען קאָפּ, איז ער חייכער געוואָרען און האָט מקיים געווען אין מיר די מצוה פון הכנסת־אורחים, ער האָט מיך מכבד געווען מיט געבראָטענע קאַרטאָפליעס, מיט אַ גלעזעל וואַסער אַרום און האָט מיר געגעבען אַנ׳אָרט איבערצונעכטיגען אין שאָפּע. אויף מאָרגען האָב איך איהם איינגעבעטען, ער זאָל איינשפּאַנען אין מיין ביידעל אַ פּאַר אָקסען און זאָל מיך אָבפיהרען קיין בויבעריק, וואָרום די נאָהענטסטע שטאָדט איז געווען בויבעריק. דערפאַר האָב איך איהם, אַ חוץ זיין געצאָהלטס, מתיר געווען אַבצושינדען די פעל פון מיין

בע'פגר'ט פערדעל און צו נעהמען במתנה פאַר אַ זכר פון איהם די
פאַדקאָוועס. דאָס האָב איך געטהאָן מפני דרכי שלום, זאָל אַ ערל ניט
זאָגען, אַז אַ יודען טהאָר מען גישט טהאָן קיין טובה, ער ווייסט גישט
זי אָפצודאַנקען!

קיין בויבעריק בין איך אָנגעקומען צווישען טאָג און נאַכט, ווען
עס איז שוין קיין לעבעדיגער נפש ניט געווען אין גאַס, אַלע, גרויס
און קליין, האָבען שוין געדאַווענט אין די שולען. דעם אמת זאָגענדיג,
האָב איך דערפון שטאַרק הנאה געהאַט. אַ יוד, פערשטעהט איהר מיך,
האָב ליעב אומעטום אַריינשטעקען די נאָז, אַלסדינג אַ טאַפּ טהון מיט
דער האַנד, אַ יוד האָט ליעב אַלסדינג צו וויסען. נו-נו, ווי מיינט איהר
אַ שטייגער, ווען מען דערזעהט מיך, אַ בעקאַנטען יודען, מענדעלי מוכר
ס׳ים, ווי איך פאָהר דאָס איןביידעל מיט אַ פּאָר אָקסען, וואָלט מען
זיך מסתמא צונויפגעלאָפען קינד און קייט, מען וואָלט געמאַכט אַ וואַרע,
ס'וואָלט זיך גע'רעש'ט, געפילדערט מיט אַ הורא פון מיין כבוד וועגען.
איך בין מיך אָבער אַ יוד פון אַ גאַנץ יאָהר, אַ פשוט'ער חי וקים, איך
בין זיי מוחל און אַנטלויף פון אַזאַ כבוד.

אין בויבעריק האָב איך אַ בעקאַנטען, אַ גוטען ברודער פון אַמאָ-
ליגע יאָהרען; ער איז אַ מוכר-ספרים'ניק ווי איך און איז בעוואוסט
בכל תפוצות ישראל מיט'ן נאָמען הענדעל בויבעריקער פון בויבעריק.
האָב איך געהייסען דעם גוי, ער זאָל מיך צופיהרען צו הענדעל'ס דירה.
פאָהרענדיג האָב איך צייט געהאַט צו פערטיעפען זיך אין גערדאַנקען.
אָקסען, ווי ס'איז בעקאַנט, זענען ניט קיין לויפערס, נעהען זיך טריט
ביי טריט, מיט ישוב הדעת, פאַמעליכען, נישט געאיילט, און מעלה-
גרה'ן. זיץ איך מיך אין וואָגען, און קיי אויך איבער די אַלע בייזע בע-
גענענישען, וואָס האָבען זיך אין וועג מיר געטראָפען. טראַכט מיר, קיי
איבער און בייגק אַהיים צו די בני-בית. ס'טהוט מיר וועה דאָס האַרץ,
וואָס ס'איז פערשטערט געוואָרען מיין יום-טוב, וואָס איך וועל ניט זיי-
צען אויבען-אָן ווי אַ מלך נעבען דער מלכה. די אינדיטשקע האָב איך
אויך דערמאָנט צו גוטען, מסתמא אַ וואוילע, אַ פעטע אינדיטשקע, גאָר
אַ מחיה. עס נעהמט מיך אָן אַ חשק, עס בייגקט זיך, און עס ציהט
עפּיס אינוועניג... די אָקסען קריכען, שלעפען זיך דורך געסלעך און
הינטער-געסלעך, ביז זיי שטעלען זיך אָפּ לסוף פאַר הענדעל'ס שטוב.

אַ שטיקעל צייט שטעה איך אין דרויסען פאַר דער טהיר מיט אַ
פערקלעהמט האַרץ. דאָס איז געווען, מ'שטיינס-געזאָגט, אַ שטעהען פון

א פאַרשוין, וועלכער טראַכט איבער, שטעהענדיג כעני בפתח, אפשר טרעפט ער אָן צו יענעם אין אַ שלעכטער שעה; אפשר וועט דער בעל-הבית אויף איהם קוקען קרום. נאָר וואָס טהוט ניט אַ יוד פאַר נויט? פאַר נויט וואַרפט ער זיך אָן אויף יענעם, פאַר נויט איז ער מטריח פרעמדע מענשען, פאַר נויט שטופּט ער זיך אַריין אומגעריכט און פאַר נויט ווערט ער אַ אורח. איך מאַך מיר האַרץ, שטרעק אויס די האַנד צו עפענען די טהיר. איך עפען זי שאַ, פּאַמעליכען און זי מאַכט גע-וואַלדען, איך שטילערהייט — און זי קוויטשעט, ריפּ-סקריפּ, מיט קולי קולות, אַקוראַט ווי זי האָט צו עמיצען טענות. איך בין אַריינגעקומען אין אַ פינסטער פאָרהייזעל, אַנ'אַיינגעבויגענער, אַ ניונקעלע, באַלד האָ-בען זיך אַלאָז געטהאָן די שטוב-מענשען, מיר געמאַכט אַ שעהנעם קבלת-פנים מיט אַ פרייד, אַ געשריי און פאַר גרויס שמחה זענען זיי געווען צעמישט, צוטומעלט, ניט צו וויסען וואָס ס'טהוט זיך מיט זיי. איינער לויפט אין שטוב אַריין מיט אַ בשורה, מיט אַ געוואַלד. געקו-מען!... ער איז דאָ! דאָ! אַ צוויטער שרייט אין איין אָטעם: אַ ליכט! אַ ליכט! צינדט אָן אַ ליכט! אַ ווייבערש קול הער איך, צוקער-זיס, פול מיט חן, מיט ליעבשאַפט און מיט לייטזעליגקייט: און באַלד פליהט אַרויס הענדום-פענדום אַ יודענע, זי האָט מיך שיער ניט אַרומגעהאַפּט קושען און האַלזען, זי מאָהלט, מישט-אויס פריינדליכע רייד מיט טענות אין איין אָטהעם, פרייהט זיך און בייזערט זיך אינאיינעם: אַ גאַסט, אַזאַ גאַסט!... סטייטש פאַרוואָס אַזוי שפּעט? מיינס איז ניט לייטעם... איך בין צודרעהט געשטאַנען ווי אַ נעכטיגער. נאָר וואָס איך האָב געוואָלט עפענען אַ מויל, זיך פערענטפערען און דערצעהלען, וואָס מיט מיר האָט זיך געטראָפען, האָט מען אָנגעצונדען אַ ליכט — און מיר זענען אַלע געבליעבען פערגאַפט שטעהען מיט אָפענע מיי-ער, ווי די גולם'ס!

אַ שענע סצענע, כ'לעבען!...

די מעשה דערפון איז געווען אַזוי: הענדעל איז געהאַט אוועקגע-פאָהרען מיט סחורה אין וועג אַריין, ער האָט נאָך אויף שבת-הגדול געוואָלט קומען אַהיים און איז אַלץ ניט געקומען, האָבען זיינע בני-בית שטאַרק יסורים געהאַט. און אַז איך בין דאָ צווישען טאָג און נאַכט אין דעם טונקעלען הויז אַריינגעקומען, האָבען די קינדער געמיינט, דאָס איז דער טאַטע, און דאָס ווייב האָט געמיינט: דאָס איז דער מאַן אויף גוטה געקומען. איז געוואָרען אַ שמחה, אַ גדולה. און אַז זיי האָבען

פערוועהען דעם מצות, וועגען די געבליבענע שטעהן מיט אויפגעשטע-
לטע נאז און אויסגעשטעלטע אויגען.

העגדעל׳ס ווייב, איהר איז טאקי פערשטערט געווארען די שמחה,
זי האט טאקי געהאט יסורים, וואס דער מאן איז ניטא אין דער היים
אויף פסח און קען ניט זיין קיין מלך. דאך אבער, פון דער אנדע-
רער זייט, האט זי געדאנקט און געלויבט זיין ליעבען נאמען, וואס ער
האט איהר בעשערט א היימישען מענשען אויף אבריכטען דעם סדר.
זי האט זיך בעזעצט אויף א הסב-בעט אויבען-אן ותמליכו תחת הענ-
דעל און זי האט זיך געטהאן קעניגען אנשטאט הענדלען!

און איך האב אויך געדאנקט און געלויבט דעם אויבערשטען,
וואס ער האט געטהון מיט מיר נסים; וואס ער האט פון מיין ארומ-
וואגלענישען-זיך, פון מיין גלות מיך געבראכט אין א היימישער שטוב
צו זיצען די היינטיגע נאכט ווי א מלך אין בויבעריק און צו עסען מרור
און ביצים און פיש און קניידלעך און צו זאגען פאר איהם און פאר
הענדעל׳ס ווייב די הגדה מיט א געזאנג און מיט א לויב, הללויה!

אבער ניט מיר אליין האט זיך געטראפען אזא נס צו ווערען א
מלך אומגעריכט. ווערליג איך בין געוואהר געווארען שפעטער מיט עט-
ליכע טעג, האט זיך הענדל׳ען אויך געטראפען פונקט דער אייגענער נס
דעם אייגענעם פסח.

די מעשה איז געווען אזוי.

הענדעל בויבעריקער האט אנגעלעגט א פול ביידעל מיט ספרים
און איז אוועק פון בויבעריק איבער דער סביבה, ווי זיין שטייגער איז
אלע פאר פסח. האט זיך געמאכט דאס אייגענע מיט הענדלען, וואס
מיט מענדל׳ען: א שניי מיט א רעגען, א טוואן מיט א בלאטע, קאַ-
ליושעס מיט גריבער, צרות און שלעק איבער׳ן גאנצען וועג. זיין
פערדעל איז אויך געגאנגען און געפאלען, זיך געוואלגערט און געזונ-
קען אין בלאטע. נישטמעהר אויב דאס פערדעל איז ארויס מיט דעם
לעבען און ניט געווארען קיין נבלה, איז דאס, חלילה, ניט פאר זיין
גבורה, ווארום געווען איז דאס א דארס, א קווארס, מיט קראנקע
פיס, מיט א בעלמע אויף א אויג, און מיין פערדעל איז לכל הדעות
געווען אקעגען איהם א געזונטער, אי שענער. נאר וואס דען? אין יענע
קאנטען, וואו הענדעל איז געפאהרען, איז די בלאטע שטערער און
מאכט ניט אן אזוינע אומגליקען, ווי די געדיכטע טעהענדיגע בלאטע
ארום בויבעריק און גלופסק. האט זיך הענדעל׳ס פאוואלינקע געשלעפט

מיט זיין פערדעל, געקראָכען מיט מיה און מאַטערניש און אָנגעקומען קיין קאַבצאַנסק פונקט ערב פסח פאַר נאַכט. פאַרפאָהרען איז ער גלייך צו מיר, האָט אָפּגעריכט מיט מיין ווייב גאַנץ פיין דעם סדר, גע־זעסען אויף מיין הסב־בעט און געקיניגט אָנשטאָט מיר, שטאַרק צו־פריעדען, וואָס גאָט האָט איהם צוגעשיקט אַ מקום־מנוחה.

—יאָם האָט מיר דערצעהלט טאַקי הענדעל אַליין, ווען מיר האָבען זיך בעגעגענט נאָך יום־טוב אינמיטען וועג. מיר האָבען זיך געקאַטשעט פאַר געלעכטער, ווען מיר האָבען זיך דערוואוסט פון דעם חילוף.

און אַז איך האָב אָנגעהויבען דערצעהלען הענדלען פון מיין נסיעה קיין גלופּסק צו אויסבייטען דאָרט אַלטע ספרים אויף נייע, האָט ער געמאַכט עפּים אַ זויערע מינע נישט צו ריידען אַ וואָרט. דערנאָך האָט ער אַ שאָקעל געטהאָן מיט'ן קאָפּ און געזאָגט

— איהר מעגט, כ'לעבען, דאַנקען גאָט, וואָס איהר זענט אָפּגע־קומען מיט'ן פערדעל. אַ שענע ריינע כפרה, כ'לעבען!

איך האָב אויף הענדלען אויסגעשטעלט אַ פּאָר אויגען

— וואָס קוקט איהר מיך אַזוי אָן, רב מענדעל? איך זאָג אייך מזל־טוב, וואָס אייער פערדעל איז גע'פגר'ט, וואָרום צוליעב דעם זענט איהר בעהיט געוואָרען פון אַ נסיעה קיין גלופּסק, און פון אַ מיאוס'ן עסק דאָרט. איהר מעגט, כ'לעבען, זיין צופריעדען, וואָס אייך איז נישט אויסגע־קומען איינצוהאַנדלען יענע טהייערע סחורה. אַנ'אומגליק איז עס, אַ צרה, אַנ'אָנשיקעניש, ניט קיין סחורה. איך בין אייך, בנאמנות, שטאַרק מקנא איצט האָט איהר אַ האָפנונג פטור ווערען אינגאַנצען פון דעם שענעם מסחר מיט ספרים, אַ־אין דר'ערד אַריין אי די אַלטע, אי די נייע! הלואי וואָלט מיין פערדעל אויך געווען איינגענומען אַ מיתה משונה נאָך פריהער מיט אַ יאָהר, וואָלט איך ניט געוואוסט פון דער נייער סחורה און וואָלט ניט דערלעבט אַ מטמון מיט געלד. ס'איז דען ספרים? שטיינער איז דאָס, קלעצער, ניט געדאַכט זאָלען זיי ווערען. איך זאָג: דערלעגט, נאָר איהר מעגט מיר גלויבען, סע אַרט מיך ניט אַזוי דאָס געלד, ווי דער אייגענער כבוד. איך האָב דאָך צוליעב דער גאָלדענער סחורה געמוזט ליידען חרפות מיט בזיונות אויפ'ן פּוד. מיט וועמען האָב איך דען געהאַט צו טהאָן? מיט אָרימע בעלי־עבירות, מיט ישיבה־בחורים, וואָס גלוסטען צו השכלה און האָבען ניט קיין נראָשען ביי דער נשמה, מיט מלמדים

פון די ל״ו בעהאלטענע אפיקורסים, מיט יונגלעך קונדסים, וואס
א מויל האט עס פייער פלאם און אין די קליינע אותיות׳לעך —
לא מיט אנ׳אלף, מיט בחורים, וואס זענען שטומפיג אויף דער
עברי. און טאמער האב איך יא אמאל אין א יובל געזעהען
יודען א דערוואקסענעם מענשען און א לייטישען בעל־הבית פון די
וואס איך פלעג זיי אנביטען מיין סחורה, ווייל איך האב געהערט, אז זיי
זענען, ווי זאגט מען עס, א ביסעל דאס... האב איך אויך געהאט ווענ[ig]
נחת. ניין, רב מענדעלי, נאך אמאל זאג איך אייך, ס׳איז א גליק פאר אייך
בנאמנות, וואס דאס פערדעל אייערס איז גע׳פגר׳ט! הלואי וואלט מיין
פערדעל אויך פארחאפט געווארען מיט דער סחורה אינאיינעם!

און פונדעסטוועגען, מיינט ניט, רבותי, אז הענדעל׳ס גרימצארען
האט געהאט עפיס א ממשות, חלילה! הענדעל האנדעלט נאך עד היום מיט
ספרים, ווי א־מאל, און איך בין אויך א מוכר־ספרים׳ניק, ווי פריהער.
נאך דענסטמאל אפילו, אינמיטען וועג, ווען הענדלען איז א ביסעל אפ־
געגאנגען דער כעס, האבען מיר שטעהענדיג אויף איין פוס געמאכט
א שטיקעל בייט. איך איהם האב געגעבען חקירה־ספרים, מאמרים און
דרשות און ער מיר — א סך קינות און סליחות. ווארום אויף קינות
און סליחות איז דעמאלט גראד געווען א צייט: ס׳איז געגאנגען העסגע,
אומעטום האט אנגעהויבען שפראצען, וואקסען, און אחינו בני ישראל
האבען זיך געגרייט צו קלאג, צו געוויין און תעניתים.

# שבת

# שבת.

## א.

אויף אַ שמאָל וועגעלע, וואָס שלענגעלט זיך אויפ'ן פרייען פעלד, פערפאַלען ווערענדיג אַמאָל צווישען יונגע צווייגהאַפטיגע וועלדלעך, שלעפּט זיך פאַמעליכען מיט אַ סקריפּ אַ פול אָנגעפּאַקט פוהר'ל. דאָס פערדיל, אַ דאַרס, הויט און ביין, מיט אַ גלאַט-נאַקעט פּנים, ווי ביי אַ מענשען להבדיל, הויבּט פיסלעך, אַרויסשטעקענדיג אַ שפּיץ צינגעל, העצקעט זיך שטעהענדיג, דאַכט זיך, אַלץ אויף איין אָרט. און וואָס אַ העצקע, רופען זיך אָב די צעלעכצטע רעדלעך מיט אַ בייזער אויף אַ משונה הייזעריגען קול און דאָס פוהר'ל שפּרינגט אונטער מיט אַ קרעכץ — אָט דאָס איז סענדער'ל קאָראָבּיינִיקס „מרכּבה", זיין רייטוואָגען, אויף וועלכען ער פאָהרט מיט זיין קרעמיל סחורה אין די אָרומיגע דערפער, אויך אויף ירידה'ן אין די קליינע שטעדטלעך, זיצענדיג רייטענדיג אויפ'ן ראַנד וואָגען, ביי איין זייט, און ביידע פיס טאַלעבענדרען זיך איהם אַראָבּהייננענדיג כמעט ביז דר'ערד.

ס'איז חנוכה-צייט, לאַנגע נעכט, קורצע טעג. אַ משוגענע קאַפּריזנע פּאָגאָדע. צעהן פאַרענדערונגען אין אַ שעה — קאַלט און וואַרעם האָט מען פון איהר. אָט בלאָזט זי פון זיך גאָר אַ שרעק, און אָט איז זי מילד, שטיל און גוט. גענוג צרות איז סענדער'ל, נעביך, די גאַנצע וואָך פון איהר אויסגעשטאַנען. ער האָט פאַרזוכט דעם טעם פון געדיכטע און שיטערע בלאָטעס. דאָס פערד-און-וועגעלע איז אַריין אין אַ בעל-עגלה'ש טינטעריל, אין אַ קאַליזשע הייסט עס, ער האָט געשטופּט, געשלעפּט אויסשמירענדיג זיך ווי אַ שוואַרץ-יאָהר, און ווען

דער אויבערשטער זאָל ניט געווען צושיקען אַ פויערעל איהם צו הילף, וואָלטען זיי אַלע איינגעזונקען געוואָרען דאָרט. ערשט דאָנערשטאָג אין אָווענד האָט געחאַפּט אַ פרעסטיל, אונטערגעטריקענט די בלאָטעס. ביי נאַכט האָט געשיט אַ שנייעלע און אַיינגעהילט די ערד מיט אַ נייעם ווייסען מאַנטעל. אין רויט פורפּעלען מאָרגען־קלייד האָט פרייטאָג פריה זיך בעוויזען די זון מיט איהר ליכטיגען פנים און זי איז געווען זעהר אַ גוטער, אַ אָנגעלייגטער גאַסט. עס האָט געלויכטען, געשימערירט אַרום און אַרום, אַ נחת, אַ פרייד אומעטום!

נאָך אַ גאַנצע וואָך אַרומוואָגלעניש לאָזט זיך עס אַצינד סענדער׳ל, ווי געוועהנליך, אויף שבת צו ווייב און קינדער אַ היים קיין קאַבצאַנסק. אַ היבש שטיק וועג אויף אַ גלאַטען, ברייטען פלאַץ, פוןביידע זייטען מיט הויכע וועלדער סאָסנעס, איז סענדער׳ל אָבגעפאָהרען טשאַקענדיג, מיט אַ פרעהליך הארץ, פיהלענדיג אי״ דער לופט דעם ערב־שבת און די שיינקייט פון גאָט׳ס וועלט׳ל אַרום איהם. ווי אַ דין־פוחקע וואַטעל איז אויסגעשפּרייט אויף דר׳ערד אַ קלאָר־ווייס אויסגעפאַלען שנייעלע, בעלייגט מיט פליטערלעך, וואָס שפּילען פאַר די אויגען אין אַלערליי קאָלירען. וואונדער־שיין נעהמען זיך אויס די שניי־בענדער, ווי זילבערנע טרעסטען אויף די גרינע היטלען פון הויבע סאָסנעס. מחנות־ווייז טראָגען זיך אויבען אין דער פרישער ריינער לופט ראָבען, קונדייסים, מיט אַ רעש, אַ געפּילדער, אָט פליהען זיי זיך צונויף אַלע צוזאַמען, טאַנצענדיג אַ קאַרעהאָד, און אָט צופליהען זיי זיך אין פערשיערענע זייטען. אַ רייזענדער ציזשיק קומט פון ערגיץ צופליהען זוכענדיג די פרנסה, שטעלט זיך אָב אויף אַ צווייגעל אַ ווייַלע אָברוהען, זאָגט אָב זיין מזמור — און מאַרש ווייטער. און נאָר פלוצלינג שפּרינגט אַרויס פון וואַלד עפּיס אַ חיה׳לע, אַ העזעלע אָדער אַ קראָליקעל. טהוט זיך אַ לאָז, יאָגענדיג־שפּרינגענדיג איבער׳ן שנייעלע, קוים בעריהרענדיג עס מיט די קליינע פיסלעך, און פוץ אַריין אין דעם אַנדערען וואַלד אַקעגען.

סענדער׳ל האָט הנאה. ער פיהלט פונדערווייטענס די היים, די רוה. דאָס פערדיל, דאַכט זיך, האָט אויך הנאה. עס חייסט וואוהין עס פאָהרט, אַז מאָרגען איז דער טאָג, וואָס זינט עס איז אַריינגעפאַלען צום איצטיגען בעל־הבית, צו דעם מין צוויי־פיסיגען פאַרשוין מיט באָרד און פאות, רוהט עס תמיד אין שטאַל, נישט צו טהון קיין שום אַרבייט. און אויפהייבענדיג ד״ת קאָפּ, אונטער־

שמייסענדיג זיך מיט דעם עק, נעהמט עס זיך געהן אַ ביסעל ניכער.

אין אַ שעה אַרום אָבער, אַרויספאָהרענדיג פונ׳ם וואַלד, ווערט דער וועג שלעכט. דער שניי צעשמעלצט, די צוגעפרוירענע בלאָטע לאָזט, דאָס פאָהרען ווערט שווער. ביז אַ היים איז נאָך ווייטליך. און דאָס פערדיל קוים וואָס ריהרט זיך, עס שטעקט אַ שפּיץ צינגעל, אַרבייט, העצקעט זי נעביך ווי ווייט נאָר מעגליך. די סכנה בלייבען אין דער מיט וועג איז גרויס... ביטער

# ב.

די זון קריכט אַראָפּ פון די שפּיצען בוימער דאָרט ביי'ם ראַנד פון דעם האַלב-קיילעכדיג-געוועלבטען הימעל, און שאָטענס ליעגען זיך כּסדר, אַלץ וואָס ווייטער טונקעלער, טונקעלער, אויף קאַבּצאַנסק, בעדעקענדיג איהר די חרפּה — איהרע שמוציגע געסלעך מיט וויסטע-ניעדריגע הייזלעך. יאָ, עס זעהט אויס טאַקי ווי צום „בעדעקענס" — עס קומם אָן די כּלה, די פּרינצעסין שבת! אָנגעצונדענע ליכטלעך, איהר לכּבוד, לויכטען אַרויס ווי שטערענדלעך דורך איטליכס פענסטער, אָבּשלאָגענדיג זיך אויף דר'ערד, פון ביידע זייטען גאַס, אין העלע-גילדענע פּאַסען. יודען, מחותּנים, אָבגעטובל'טע, אין זיידענע, אין ריינע קאַפּאָטעס, געהען אויף קבּלת-פּנים גיכער אין שוהל אַריין. דער פּאַרקליבּענער עולם דאָרט שפּרינגט „בּואי בשלום" מיט'ן פּנים צו דער טהיר. שרייענדיג פרעהליך מיט געזאַנג:

בּואי כּלה, בּואי כּלה,<br>
ס'קאָציל קומט, ליעבּע כּלה!

און בּשעת קבּלת-פּנים אין שוהל זענען די גאַסען ליידיג, מען זעהט דאָרט ניט קיין לעבּעדיג בּעשעפעניש, סיידען אפשר אַ פאַרשפּעטיגדיגען בּעל-מלאכה לויפענדיג פון בּאָד אין איין אָטהעם, אָדער אַ מיידעל אָבּטראָגענדיג אַ געליהען פענדיל. וכדומה צו אַ שכנה. מען הערט נישט קיין קול, סיידען אפשר אַמאָל אַ רופען דעם שבת-גוי צו אַ שמעלצענדיג בּענש-ליכט, אָדער אַ מעקען פון אַ ציעג, אַ קרעה פון אַ האָהן ערגיץ פונדערווייטענס.

שאַ!...

און באלד לאָזען זיך הערען טריט — מען געהט! לאָזען זיך פארנעהמען שטימעם — מען רעדט! דאָס געהען יודען פון שוהל רעש׳דיג, שמועסענדיג צווישען זיך און געהען זיך פונאנדער איטליכער אין זיין געסיל, איטליכער אין זיין רוה.

עס לאָזט זיך זעהן געהענדיג דאָרט א יוד, אָנגעטהון שבת׳דיג — א ווייבע העמד מיט א אויפגעליינטען קאָלנער, אויפ׳ן קאָפּ א סאמעטע־נער קאַשקעט, פארוויקעלט מיט א גרינער וואָלענער שאַל, די פאות פייכטליך, א ביסעל אונטערגעפרוירען, הענגען ווי סטרעמפליעס, און דאָס פנים פריש, אויסגעפריעט. בעקאַנטע ביים בעגעגעניש זאָגען איהם: גוט שבת, ר׳ סענדער!

יאָ, דער דאָזיגער ר׳ סענדער, דאָס איז טאַקי אונזער סענדעריל קאָראָביינִיק, אָבער נישט דער וואָס פריהער, נאָר עפּיס גאָר ווי אין א נייער הויט. דאָרט אין זיין פארוואָגלעניש איז ער, משטיינס־געזאָגט, א מין בעשעפעניש, א געקנייטשט, אין־צעהנטען איינגעהויקערט יודעל, פארפינסטערט, פארשמירט, צעבראָכען. קומענדיג א היים, האָט ער זיך אראָבגעהאַפּט אין מרחץ, אראָבגעוואָרפען פון זיך דעם שמוץ און זיך אויסגעגלייכט די ביינער. אַצינד האָט ער אַנ׳אַנדער פנים. ס׳איז איהם צוגעקומען א נייע נשמה־יתירה, פון א העכערער מדרגה, און ער אַליין איז אויך אויסגעוואַקסען, דאכט זיך, העבער מיט א קאָפּ.

— א גוט שבת, גוט שבת דיר, ליבהאַרציגער סענדעריל!

## ג.

עס שטעהט זיך פאַרשטופּט אין אַ קאַבּצאַנסקער געסיל אַ שטי־בּעל. אַ שטיבּעל ווי אַלע יודישע שטיבּלעך דאָרט — אַ נידריגס, אַ עלענדס, אָהן אַ הויפעל, אָהן אַ פריי שטיקעל פּלאַץ, אָהן אַ בּוימעל, אָהן אַ גרעזעל; אַ שטיבּעל, אַ נאַקעטס, נישט געטינקעוועט פון דרויסען, אָהן פּוץ, אָהן צאַצקעס אינוויינג — אַ דירה, מ'שטיינס־געזאָגט, אַ חירע, אָנגעזעצט ווי נח'ס תיבה מיט אַ היבּש געזינדעל. קומט דער ליבּער שבּת־קדש, פרייטאָג צונאַכטס — ווערט אָט דאָס אָרעמע שטיבּעל ווי פערוואַנדעלט אין אַ צויבּער־שלאָס! עפּיס אַ בּעזונדערער געטליכער חן איז אויסגעגאָסען אינוויינג אויף אַלסדינג, וואָס געפינט זיך דאָרט. טאַ־קי גאָר ווי די שכינה רוהט אין איטליכס ווינקעלע, און דאָס האַרץ פיהלט עפּיס אַזוינס, וואָס איז נישטאָ אין די גרויסע שיינע פּאַלאַצען.

ווי אַ היים געליבּטע מעוברת'ע פרוי אין אַ בּרייטער ווייסער בּלוזע זעהט אויס דער פרישׁ אָבּגעווייסטער, בּרייטבּייכיגער, הייסער בּאַק־אויווען, וואָס איז מעוברת מיט אַ פאַרוקטען טשאָלענט, און וועט מאָר־גען אַרויסבּריינגען פון זיך אויף דער ליכטיגער וועלט אַ אויסגעפּריעטע קאַשע מיט אַ פעטען מאַרך־בּיין און אַ שיין־פאַרבּרוינטען לאָקשען־קוגעל, אַ כּפּרה פאַר איהם אַלע היינטמאָדישע אויפגעיורענע, אויפגעבּלאָזענע פּאַשטעטען. געל, פרישׁ אָבּגעשמיערט מיט אַחרע איז די ערד, די פּאָדלאָגע הייסט עס, און שיינט ווי דער בּעסטער געוועקסטער פּאַרקעט. בּענש־ליכט בּרענען אין ריין אויסגעשייערטע מעשענע לייכטער אויפ'ן

טיש, בעדעקט מיט אַ ווייסען טישטוך, און גיבען צו אַ בעזונדערען חן, צוויי פרישע חלות מיט געלבלעך־אָבגעשמירטע פנים׳לעך און מיט שוואַרצינקע אויגעלעך פון טשערנישקע. אין אַ געשליפען פלעשיל דער־בײַ פינקעלט ראָזינקעס־ווײַן און בעט זיך אין קידוש־גלעזעל אַרײַן. ס׳איז „מנוחה ושמחה״, אַ ליכטיגקייט, אַ ליבע ווארעמקייט און שטוב. עס פיהלט זיך אַ ריח פון געפילטע פיש, דער צימעס שטעהענדיג אויפ׳ן פריפעטשעק בײַם טשאָלענט־ברעטעל, אײַנגעדעקט מיט אַ קישען — גיט די שמוכט. עס פאַרנעהמט אין נאָז, עס וועסערט אין מויל, עס גלוסט זיך, עס ווילט זיך פאַרזוכען, ווײַב און קינדער אויסגעצוואָגענע אויסגעפוצטע וואַרטען, האָרכען זיך צו צו אַ מינדסטען שאָרך אין דרויסען, און אָט טהוט זיך אַ עפען די טהיר. אַ קאַלטער שטראָם לופט רײַסט זיך אַרײַן פון דער גאַס אין שטוב, אין דער געשטאַלט פון אַ רעגענבויגען, אין חעלבען עס רויטלען זיך די פלעמלעך פון די בענש־ליכט — און דאַכט זיך, עס שוועבען ברענענדיגע שרפים: מלאכים וואָס בעגלייטען אַ יודען פרייטאָג צונאַכטס פון דער שוהל, זיי קומען עס דאָ, אַרײַנפיהרענדיג צו זיך אין שטיבעל אונזער סענדערלען!

אָבזאָגענדיג דעם געזינד „גוט שבת!״ לעבעדיג, פרעהליך, נעהמט זיך סענדעריל בעגריסען די געסט, די הײליגע מלאכים מיט אַ ברייטען שלום־עליכם.

שלום עליכם מלאכי השרת מלאכי עליון
ממלך מלכי המלכים הקדוש ברוך הוא —
זייט געגריסט, איהר גאָטס מלאָכים,
מיר געשיקטע אין מיין רוה,
פונ׳ם מלך־מלכי־מלכים,
פון הקדוש־ברוך־הוא!

און באַלד הויבט זיך אָן די סעודה, דער גרויסער באַנקעט מיט קידוש, מיט די געשמאַקע מאכלים מיט די זמירות און לויב־געזאַנג. סענדעריל זיצט ווי אַ חתן אויבען־אָן, דאָס ווייב נעבען איהם, דער איבעריגער עולם אַרום טיש און מען טהוט זיך וואויל. עס טרעט אַרויס אַ גוטער מלאַך מיט אַ רעדע, מיט אַדרעסען און ברכות אין נאָמען פון זיינע חברים, גוטע מלאכים, וואָס געפינען זיך

דאָ אין שטוב. ער לויבט און זאָגט: „דו האָסט זיך געמיהט מיט אַלע דיינע קרעפטען, אַלסדינג בײַ דיר איז ווי געהעריג, גוט און שיין". אויסלאָזענדיג דערמיט: „יהי רצון — הלואי אויף ווייטער בײַ דיר אַזוי!" דער שלעכטער מלאך מינעט זיך, ענטפערט, נישט ווילענדיג, אָמן און ברוקעט אונטער אויך אַ שבח...

# אַ גרויע האָר

# א גרויע האר

אז דער בייזער ווינטער געהט-אהין און וועסנע ביי אונז אין לאנד—טהוט זיך אין גאטס וועלטיל אומעטום! אלע מיני באשעפענים: פונ׳ם קליינעם ווערעמיל ביז דעם מענשען, דעם גרויסען פיינע-בריה, טהוען זיך א נעהם צו דער ארבייט זייערער גאנץ געשמאק—רייניגען און ראמען, בויען און פעררריכטען נעסטען, הייזלעך און דירות אין לעכער און שפאלטען, אין וועלדער און אין פעלדער, אין שטעדט און דערפער. דענסטמאל הערשט דאס ווייב אין שטוב, נאר א שרעק. אויף איהר בעפעהל ווערען געעפענט די טאפעל-פענסטער, ארויסגעטראגען, איבערגעטראגען טיש און בייגק, קאסטענס, שאפעס און בעטען. זי גיט אב איטליכען דערפון זיין ארט, אויסשטעלענדיג זיי ווי זי וויל, און וועה איז דעם, וואס שטעלט זיך איהר אקעגען און ברייננט זי אין כעס אריין, זי ווערט אנגעצונדען און איז בערייט איהם צו פערברענען מיט דעם מויל. א קלוגער מאן בעהאלט זיך דעריבער דענסטמאל ערגיץ אין א ווינקעל—און שא!

עס שמעקט מיט פסח, ביי אידען איז שוין דער יום טוב אריינגעבראכט אין שטוב. מען איז, ברוך השם, מיט דער ארבייט פארטיג און ביי „זיי" געהט ערשט די רעכטע ארבייט מיט דעם צוגרייטען זיך לכבוד זייער יום-טוב.

און גבריאל כּרפּס, אַ קלוגער מענש, אויך אַ מאַן אַ קלוגער, זיצט אין אָחעט איינער אַליין בײַ זיך אין צימער, נעבען שרײַב-טיש, אַראָפּגעלאָזט די נאָז, פאַרקניטשט דעם שטערען, וואַרפענדיג אָפּטער אַ בליק אויף אַ אַלטער צעריפּעטער שאַפע, וואָס שטעהט דאָרט אין אַ ווינקעל, און מען זעהט, ווי שטאַרק בעטריעבט ער איז, פערטיעפט אין די געדאַנקען.

געגוג וואַרפעניש, פערפאָלגעניש איז די דאָזיגע שאַפע אויסגעשטאַנען זינט זי איז צו כּרפּס׳ן אין הויז אַרײַנגעפאַלען, ביז זי איז לסוף פערוואָרפען געוואָרען אַחער, אין דעם דאָזיגען צימער, וואו זי שטעהט שוין אַ צײַט מיט יאָהרען פעררוקט, ווי אַ קבצן, אַ בעטלער, הינטער די שענע, פערפוצטע שאַפעס, ניט וואַרפענדיג זיך אין די אויגען, נישט אין דער מאַדאַמס נישט אין איהר מאַנס אויגען, אַזוי אַז מען האָט זיך אין איהר גאָר פאַרגעסען, גלײַך ווי זי וואָלט אויף דער וועלט נישט געווען. און הײַנט אַז די מאַדאַם כּרפּס האָט געקאַמאַנדעוועט אין שטוב, צוקוקענדיג זיך גוט, ווי אַ בעל-הבית׳טע, אין איטליכם ווינקעלע, עס זאָל שײַנען, פינקלען אומעטום, איז דער צאָרן איהרער אויף דער שאַפע צום שלים-מזל געווען אַזוי גרויס, אַז זי האָט בעפוילען, די שאַפע זאָל אין שטוב זיך נישט געפינען; נישט אַנדערש, מען זאָל אַזאַ מצאָצע, אַזאַ מיאוס׳קײַט, אין קעלער אַראָפּוואַרפען, צו אַלדי-רוחות, פוילען זאָל זי אינאיינעם מיט אַלע אַלטע, אָפּגעדינטע שמאַטעס דאָרט. אַצינד האָט זיך כּרפּס אין דער שאַפע דערמאָנט און דאָס שיידען זיך מיט איהר איז איהם געווען זעהר שווער. אָבער וואָס זאָל ער טאָן, אַז געגען דעם ווײַבס בעפעהל קען מען ניט געהן. איהם אַליין האָט זי דאָך נישקשה אויך גוט מכבד געווען הײַנט. ער האָט, נעבעך, געליטען, געדאַרבט, פערבראַכט אַ טאָג אין צרות, נישט פאַר קיין יודען געדאַכט!

זיצט זיך כּרפּס איינער אַליין טרויעריג, פערטראַכט און אַראָפּגעלאָזען דעם קאָפּ. פּלוצלינג הויבט ער זיך אויף פּונ׳ם אָרט און קומט-צו צו דער שאַפע, ווי איינער, וואָס קומט זיך געזעגענען מיט אַ פרײַנד פאַר׳ן אַוועקפאָהרען. ער עפענט די שאַפע, נעהמט אַרויס פון צווישען פערשטויבטע, פערשימעלטע, ענג-אָנגעשטעלטע ספרים דאָרט, אַ גרויסען האַלבצובויגענדיגען, דיק-גראָבען ספר, טאָוולען פון ברעטלעך מיט לעדער איבערגעצויגענע, צונויפשפּילענדיג זיך מיט גרויסע מעשענע העקלעך. ער בעטראַכט דעם ספר, שאָקלענדיג מיט

דעם קאָפּ, גענומען און לעגט איהם אַנידער אויפ'ן טיש. ווי באַלד אָבער ער האָט זיך געזעצט, אויפגעעפענט דעם ספר און אַריינגעקוקט דרינען, איז ער פערציטערט געוואָרען, האָט זיך אַ חאַפּ געטאָן געשווינד פונ'ם ביינקעל, גלייך ווי אַ שלאַנג וואָלט איהם אַ ביס געטאָן, און זיך געלאָזט געהן הין און הער איבער דעם צימער שטאַרק צודולט, אַזוי אַז ער האָט נישט בעמערקט, ווער ס'איז גראָד בשעת מעשה אַריינגעקומען אהין.

— כּרפס! — טהוט אַ זאָג יענער, נאָכדעם ווי ער איז אַ וויילע געשטאַנען ביי דער טיר פערוואונדערט, אָהן לשון.

כּרפס דרעהט זיך אוים שטאַרק דערשראָקען מיט דעם פּנים צו יענעם, וואָס רופט איהם אָהן ביים נאָמען, קוקט איהם שאַרף אָן און טהוט זיך אַ לאָז צו איהם מיט אַ געשריי:

— אַ־אַ, זרחי!... אַט וואָס הייסט אַ גאַסט, אַ ליעבער טייערער גאַסט!

— וואָס־זשע מאַכסט דו, כּרפס מיינער, ביזט־דו, האַ, רעכט געזונד?

— ווען ביסט־דו געקומען און פון וואַנען געקומען? וואָס שטעהסט־דו ביי דער טיר, ליבער זרחי מיינער?

— געקומען בין איך היינט... אַרומפאָהרענדיג וועגען מיינע געשעפטען בין איך אין איינוועגס געקומען אַהער, אין דיין שטאָדט אַריין.

כּרפס און זרחי ביידע זענען געבוירטיגע פון איין שטאָדט, חברים, גוטע ברידער פון קליינערהייט; ביידע האָבען געשעפּט תּורה ביי איינע מלמדים ביז זיי זענען געוואָרען בחורים: ביידע זענען צוגלייך אַרוים פונ'ם חדר און געגאַנגען אין די שקאָלעס; ביידע זענען פון די שקאָלעס אַרוים מיט דיפּלאָמען, געבילדעטע, לייטישע מענשען, און ביידע האָבען פאַרגעסען דאָס יודישקייט האַק־און־פּאַק מיט דער תּורה, וואָס זיי האָבען געלערענט יונגערהייט, און זיך אָבגעגעבען מיט זייערע געשעפטען, איטליכער אין זיין אָרט, וואו ער האָט זיך באַזעצט, האָבען גענומען ווייבער, געהאַט קינדער און געלעבט גאַנץ ברייט. אַ טאַטען האָט כּרפס געהאַט זעהר אַ פיינעם. ער איז געווען, עליו השלום, אַ יוד מיט'ן פולען מויל, אַ יוד אַ הייכער, אַ גוטער, אַ פרומער און אַ וואויל־לערנער. ער האָט גבריאל'ן, דעם זוהן זיינעם, איבערגעלאָזט ירושה די גאַנצע כלי־בית זיינע מיט דער דאָזיגער שאַפע ספרים, דעם

אָרון־קודש — דאָס הייליגסטע, טייערסטע אין זיין לעבען. די כּלי־בית זענען געווען זעהר אָנגעלעגט, מען האָט זיי געבּרויכט בּיי גבריאל׳ן אין הויז צו יעדער צייט, און דאָס אָרון־קודש׳ל — אָט די שאַפּע מיט הייליגע ספרים, איז געווען אַ איבּעריגע זאַך, אָהן אַ שום נוצען; מען האָט זיך דערמיט געוואָרפען אַהין־אַהער און פערשטופּט לסוף אין אַ ווינקעל, נישט האָבּענדיג זי מעהר אין זינען.

לעבּען האָט כּרפּס געלעבּט גאַנץ פריי. די גאַנצע פיהרונג בּיי איהם אין הויז מיט דער ערציהונג פון די קינדער איז געווען אויף דעם נייעם שניט, פער׳גויאישט, הייסט עס. פונ׳ם יודישקייט איז איהם איבּערגעבּליבּען נישט מעהר ווי אַ לאַנגע נאָז, געגרייזעלטע האָר, אַ פליהענדיגער מוח, גרינג זיך צושפּילענדיגע נעבּליטען און צאַפּלענ־דיגע נערווען.

אַצינד אַז כּרפּס האָט דאָ געחאַפּט עפּיס אַ ציטער און איז געוועזען שטאַרק צוקאָכט, איז בּיי איהם זעהר אָנגעלעגט געווען, וואָס דער חבר זיינער איז געקומען און זיך מיט איהם שטאַרק דערפרעהט.

— זעהר גלייך געטאָן, ליבּער פריינד, וואָס דו בּיסט געקומען! — זאָגט כּרפּס, אַרומנעהמענדיג דעם חבר זיינעם — זעץ זיך, איך בּעט דיך, אָט אויף דעם וויינבּענעטען שטול, די פיס דיינע „לעהן־אונטער״ אויף דעם בּיינקעלע, אָט אַזוי, אַזוי... אַצונד דערצעהל מיר, וואָס מאַכסט־דו? ווי געהט עס דיר?

— האַ, וואָס איז דאָס?! — מאַכט זרחי פערוואונדערט, צו־קוקענדיג זיך צו דעם ספר, וואָס ליגט אָפען אויפ׳ן טיש — דעם „שולחן ערוך״ האַלטסט דו! די דינים פון פּסח לערענסט דו?

כּרפּס בּלייבּט צומישט און וויים נישט, וואָס צו ענטפערן.

— מיר זענען דאָ אייגענע מענשען — זאָגט זרחי מיט אַ פריינד־ליכען שמייכעל — פאַר מיר, נישקשה, האָסט דו זיך נישט צו שעהמען. פון ווען אָן, זאָג נאָר, בּיזט־עס געוואָרען אַ בּעל־תשובה?

— פון ווען אָן? פרעגסט־דו! פון היינט, פון היינטיגען אָבּענד! און אָט דאָס, דאָס, וואָס מיך האָט געבּראַכט צערצו! — האָט כּרפּס זיך געמאַכט הארץ און געזאָגט, טייטלענדיג מיט אַ פינגער אין דעם ספר — קוק נאָר אַ הער, זעה וואָס ליגט אַזוינס דאָ?

— אַ צוריבּענע וואַנץ, — רופט זיך אָן זרחי — פונ׳ם אַלטען דוד׳ס וואַנצען האָט אַ וואַנץ דאָ די קבורה געהאַט און ליגט זיך רוהיג אַזוי דאָ אין דעם קבר, שוין אַ צייט מיט יאָהרען.

— און דאָס, האַ, וואָס איז!

— דאָס? אַ האָר איז עס. אַ גרויע האָר!

— דאָס איז מיין פאָטערס, עליו השלום, פון זיין באָרד אַ האָר! — זאָגט ברפס שטאַרק גערירט — אָט דאָס דאָזיגע האָר איז אַרויסגעפאַלען איהם פון דער באָרד בשעת ער האָט מיט מיר, אין מיין יוגענד, געלערענט „הלכות פסח" אָט אין דעם ספר, און איז געבליבען דאָ ליגען ביז היינט, שוין אַ דרייסיג יאָהר! דאָס גרויע האָר איז מיר צו די אויגען געקומען אַצונד, ווען דער לעצטער פונק יודישקייט מיינער שטעהט אין סכנה, איינגאַנצען אויסגעלאָשען צו ווערען, אַז קיין זכר אַפילו זאָל דערפון ביי מיר אין הויז נישט בלייבען. איך זאָג עס אַקעגען די היילינע ספרים, זאָג איך עס, אַקעגען דעם יודישען שאַנץ אָט אין דעם ארון קודש, וואָס דער טאַטע האָט מיר איבערגעלאָזט בירושה. דער טאַטע מיינער, ווי דו ווייסט, איז נישט בעזעסען קיין גרויס רייכקייט, קיין גיטער, דאָס גאַנצע פערמעגען זיינס אויף דער וועלט איז בעשטאַנען אָט אין דעם שאַפעלע, אין דעם ארון, וואָס עס איז איהם טייערער פון בריליאַנטען, בעסער פון גינגאָלד, און דאָס האָט ער איבערגעלאָזט ירושה מיר, זיין קינד, זיין געבירטשה נאָך איהם! וואָס־זשע לאָזט זיך אויס אַצונד? אָט דער דאָזיגער אָרון, די שאַפע, הייסט עס, וואָס זעהט אויס אַלטפעטעריש, נישט מיט דעם פוץ, היינטמאָדיש, וואָס שטעהט אָבגעזונדערט, אָהן אַ שום געברויך אַזאַ צייט מיט יאָהרען, און האָט דעריבער בעקומען אַזאַ געשטאַלט, אַזאַ פינסטער פנים, — אַצונד, הער נאָר אַ מעשה, אַצונד איז אויף איהם אַרויס אַ פסק, ער זאָל בעגראָבען ווערען אויף אייביג! דאָס ווייב מיינס זאָגט: פע! אַז אַזאַ שברי כלי מיט'ן ביסעל אָרעמקייט, וואָס דרינען, זאָל פערנעהמען אַ פלאַץ אין אַ לייטישער דירה, צווישען שענעם מעבעל און אָנגעמאָלטע גולמ'ס, זיין אָרט איז אין אַ לאָך ערגעץ אין קעלער. און עס האָט מיר נישט געהאָלפען די רעד, נישט מיט גוטען, נישט מיט בייזען אויסצימאַכען די דאָזיגע גזרה און האָב היינט דערפון געהאַט גרויס עגמת נפש דעם גאַנצען טאָג. אמת טאַקי, שוין אַ פופצעהן און אפשר טאַקי אַ צוואַנציג יאָהר, אַז די דאָזיגע שאַפע מיט די ספרים זענען מיר אַרויס פונ'ם זינען, אָבער אַצונד אַז מען וויל דערפון מאַכען אַ תל, רייסט מיר דאָס האַרץ, דערמאָנענדיג זיך, אַז דאָס איז מיר איבערגעגעבען געוואָרען אַ ירושה פון עלטערן, דערמאָנענדיג זיך אויך אָן מיין טאַטען, אין מיין יוגענד. אין מיין

וואס זענען מיר איינגעבאקען טיעף אין הארצען דערמאנענדיג זיך דאס אלצדינג, בין איך געגאנגען, כמעט אליין נישט צו וויסען, אז איך געה, האב ארויסגענומען אט דעם ספר, וואס ליגט פאר דיינע אויגען, און אויפעפענדיג איהם טהוט זיך מיר א וויי דעם טאטעגס גרויע האר דארט, בלייב איך צומישט, טויט מיט אלע אברים...

יא, ס'איז מיר בעפאלען א שרעק. אזוינס אבער, וואס מיט מיר איז געשעהן דערנאך, אין א ווילע ארום, איז נאך פיעל שרעקליכער, גאר קיין פערגלייך. נאר לאז זיין געגוג — האקט כרפס איבער אין דערמיט זיין שמועס — זיי מיר מוחל, איך בעט דיך, ברודער, וואס איך האב מיך דא צורעדט, אויסגיסענדיג מיין הארץ, עפיס גאר טאקי ווי א יודענע, נישט וויסענדיג קיין דרך־ארץ און פארגעסענדיג זיך, ווי אויפצונעהמען א גאסט. סטייטש, אזא טייערער גאסט, ווי דו, קומסט צו מיר אין הויז, אינטערעסיר איך מיר נישט מיט איהם, נאר איך רעד אלץ פון מיר. איך בעט דיך, ליעבער פריינד, דערצעהל מיר דו, וואס דו מאכסט, וואס דו טהוסט!

— איך וועל דיר דערצעהלען, כרפס מיינער, אלסדינג דערצעהלען, אבער מיט דעם תנאי אז דו זאלסט פריהער אבדערצעהלען מיר די מעשה דיינע אינגאנצען, נישט צו פערפעהלען איין ווארט, ווארום דו קאנסט מיר נישט מאכען קיין גרעסערען פערגעניגען פון דעם, וואס איך האב פון דיין איטליכם ווארט. דערצעהל־זשע איך בעט דיך, און איך וועל הערען און שווייגען. דו ביזט געבליבען שטעהן דערביי: אזוינס, וואס מיט דיר איז געשעהן אין א ווילע שפעטער איז נאך פיעל שרעקליכער.

—אזוי טאקי, אזוי — הויבט כרפס אן ווידער צו דערצעהלען— דער שרעק מיינער איז געווען אזוי גרויס, אז מיר איז פערגליווערט געווארען דאס בלוט און כ'בין ארויס פון די כלים. א מענש אפילו אזעלכער, וואס האלט נאר דערפון, וואס עס זאגט דער שכל, וואס ער טאפט עס אן און פיהלט מיט זיינע חושים, ווייטער איז גאר נישט— מיט איהם קאן זיך אמאל טרעפען, אז אומשטענדען אזוינע זאלען איהם ארויספיהרען פון'ם [?] זינען, ער זאל זעהן נישט מיט די אויגען, הערען נישט מיט די אויערען און פיהלען אזוינס, וואס לאזט זיך נישט אננעהמען. אח דאס [?] האר, באלד ווי איך האב דערזעהן, האט אנגעהויבען פאר מיינע אויגען אליין וואקסען מעהר און מעהר — און אט

איז אַ באָרד, אָט איז אַ פנים, און אָט איז דער טאַטע אינגאַנצען שטעהענדיג אויף די פיס, די האַנד זיינע איז אויסגעשטרעקט אַקעגען דער שאַפע, די אויגען אויסגעשטעלט אויף מיר עפּיס מיט אַזאַ בליק, אין וועלכען עס ליגט אויסגעדריקט אַ פערדראָס, אַ שטראָפרייד, אַ קלאָגען זיך אויף בעליידיגונג, אַ אומעט און זאָרג; אַזאַ בליק, וואָס דרינגען איז דאָ פאַר דיר געבראָטענע לייד, צופעניש, שטעכעניש אין לייב און אין דער נשמה. אָ, רבונו של עולם, דונערען און בליצען, שפּיזען און פיילען איידער אַזאַ מורא'דיג שרעקליכען בליק!... דאָס האַרץ קלאַפּט מיר, מוסר'ט מיך, און אַלע מעשים מיינע, פון דער קינדהייט ביז איצט שטעלען זיך מיר לעבעדיג פאָר. איך זעה מיר נאָך ווי אַ יונגעל אין הויז ביי מיינע עלטערן, אין די חדרים ביי מיינע מלמדים, אין די שוהלען און בתי מדרשים, אַלע מיינע גענג, מיינע שפּיעלען און פערגעניגענס, מיינע ימים=טובים און שבתים שטעהען מיר פאַר די אויגען. איך זעה דאָס אַלסדינג און זעה מיך אַליין טאַקי אויך. די אַלע יענע זאַכען קומען מיר נישט פאָר איינע נאָך די אַנדערע אין פערלויף פון דער צייט, נאָר וואָס דען, אַלע קומען זיי מיט אַמאָל. נישטאָ קיין פריהער, נישטאָ קיין שפּעטער, נישטאָ אויך קיין נאָהענטקייט און נישטאָ קיין ווייטקייט אין דעם פליהענדיגען כח המדמה. אויב איך זאָל וועלען דערצעהלען אַלע זאַכען, וואָס מיר האָט זיך געדאַכט, וועט זיך פערציהען די מעשה אויף לאַנג און געדויערען אַ היבשע צייט זי אויסצוהערען. די אַלע זאַכען, אַלע בילדער יענע זענען עפּיס צום האַרצען, גוט=מחיה. עס זאָגט זיך אין זיי אַרוים ליעבע צו גאָט, כבוד און שענקייט צום פאָלק ישראל, הייסע געפיהלען פון עפּיס אַ בייגקעניש, וואָס ציהען, ציהען ביי דער נשמה... ווי שען, אַ שטייגער, איז דאָס בילד:

אַוועק איז דער ווינטער, דער שנעע איז צוגאַנגען, פסח=צייט איז געקומען און דאָס קול פון דעם אינדיק לאָזט זיך הערען ביי אונז אין שטעדטיל. און איך מיט דיר, מיט די חברים אונזערע זיצען מיר אין חדר אַרום טיש, דער רבי אין דערמיט, מיר שאָקלען זיך און לערנען „שיר השירים" מיט אַלע אויסריידענישען פון רש"י, זינגענדיג הויך אויף אַ קול אַלע אינאיינעם שטאַרק פערפלאַמט, אַזוי: „ישקני מנשיקות פיהו — דעם דאָזיגען שיר זאָגט די כנסת ישראל, די וויסטע אַלמנה, אין גלות, וואָס טהוט טאָן גלוסטען צו איהר געליבטען, צו שלמה, דאָס מיינט מען צו גאָט, וואָס דער שלום איז זיינער,

איז זיך מודה אויף איהרע זינד און דערמאָנט די גרויסע חסדים, וואָס ער האָט געטאָן מיט איהר אמאָל אין דער יוגענד. אָ, זאָגט זי, ווער וואָלט געבען, ער זאָל מיך טאָן ווידער קושען אַ קושעניש פון זיין מויל!... שחורה אני, שוואַרץ מיאוס בין איך מיט מיינע זינדיגע מעשים ונאוה אָבער שעֶן מיט די מעשים פון מיינע עלטערן, די הייליגע אָבות... אל תראוני, זאָגט זי, קוקט מיך ניט אָן מיט געשפעט שאני שחרחרת, וואָס איך זעה אוים שוואַרץ, ניט אַזוי בין איך געבוירען געוואָרען, ששזפתני השמש, מיך האָט אָבגעברענט די זון; בני אמי, מיין מאַמעס קינדער, דאָס מיינט מען די ערב רב פונ׳ם לאַנד, צווישען וועלכע איך בין אויפגעוואַקסען, נחרו־בי, האָבען געצאָרענט, געפייערט אויף מיר, שמוני נוטרה את הכרמים מיך געמאַכט פאַר אַ היטערין פון זייערע וויינגערטנער, כרמי שלי, מיין וויינגאָרטען, וואָס איז מיר בירושה פון מיינע עלטערן, לא נטרתי האָב איך ניט געהיט... ענטפערט דער געליבטער איהר: אם לא תדעי לך׳ אויב דו ווייסט ניט, ווי צו ראַטעווען זיך פון בעצווינגער, אַז דיינע קינדער זאָלען ניט אויסמישען זיך, פערלירען זיך צווישען זיי, צאי לך, געה־זשע דיר בעקבי הצאן אין די טריט פון דיינע אָבות, וואָס האָבען מקבל געווען מיין תורה, ורעי את גדיותיך, און פיטער דיינע ציגעלעך על משכנות הרועים, ביי די געצעלטען פון די פאַסטוכער ישראל׳ס.

אַך וויפיל זיסע הייליגע געפיהלען זענען אין דעם דאָזיגען שיר אויסגעדריקט! דו כנסת־ישראל, דו ביזט עס די ליבע געטרייע מאַמע; מיר קליינוואַרג, מיר זענען עס צאן קדשים, דיינע ציגעלעך, ליבע האַרצדיגע קינדערלעך, און די פאַסטוכער — דאָס זענען דיינע גרויסע לייט, די הייליגע חכמים! — עס הערט זיך מיר דרינען יעגע געוויסע לידעל דער מאַמעס, ווי זי פערוויגט מיך, זינגענדיג עס מיר אויף אַ שטיל אומעטיג קול:

אונטער גבריאל׳ונום וויגעלע
שטעהט אַ קלאָר־ווייס ציגעלע
. . . . . . . . . . . . . . .
תורה וועט ער לערנען,
ספרים וועט ער שרייבען
אַ גוטער פרומער יוד וועט ער בלייבען.

און ווי איך בין דאָ אַזוי פערטיפט אין די כנסת־ישראל. געה פשוט אוים פאַר מתיקות, וואַרפט זיך מיר די ווייסטע שאָפע פאַר די

אויגען. גראָבע געזונדע הענד שלעפען זי אַהין אין איהר בעגרעבעניש, אין קעלער, און זי סקריפּעט, גרילצט, קרעכצט, רוקענדיג זיך, און אימליכער סקריפּ איהרער לעכערט מיר דעם מוח. זי קרעכצט, סקריפּעט און די פערשימעלטע, מיט שטויב בעדעקטע ספרים שרייען פון איהר אַרוים מיט אַ קלאָג: הוי, וועהגעשריען אויף די ציגעלעך, אַז זיי ווערען צאַפּעס, אַז זיי אַנטלויפען פון זייערע פאַסטוכער און שפּרינגען אין פרעמדע גערטנער!... דער טאַטע ברעכט די הענד, פליקט די באָרד, רייסט אויף זיך די האָר, שאָקלענדיג אויף מיר מיט דעם קאָפּ, טהוט אַ גלאָץ מיט די אויגען און — פערשווינדעט...

איך בין זיך מודה — לאָזט כּרפּס אוים זיין שמועס — אַז דאָס אַלסדינג, וואָס איך האָב אַצונד איבערגעלעבט, האָט אויף מיך אַזוי געווירקט, אַז איך בין איצט אין האַרצען טאַקי אַ שטיקעל בעל-תשובה, און עס וועט מיר ניט אַרען, טאָמער וועסט דו אוים מיר לאַכען און זאָגען: אַז-אַך-און-וועה צו דיין בילדונג, צו דער חכמה דיינער, משטיינס-געזאָגט, אַז אַ האָר קאָן זי אומוואַרפען.

— זיי רוהיג, ברודער! — ענטפערט זרחי — איך בין נאָך פריהער פון דיר געוואָרען אַ בעל-תשובה, אויך איבער אַ מעשה ווי ביי דיר, מיט דעם חלוק נאָר, דאָס וואָס דיר איז פאָרגעקומען עפּיס ווי אין חלום, האָט זיך עס מיר געמאַכט טאַקי אויפ'ן וואָהר, און דאָס וואָס מיט דיר האָט זיך געמאַכט דורך דיין פאָטער, דאָס אייגענע טאַקי האָט זיך מיר געמאַכט דורך מיין זוהן. ס'איז עפּיס בעשיינפערליך נאָר אַ נס.

כּרפּס שטעלט אוים אַ פּאָר אויגען און פאָדערט-אויף שווייגעדיג דעם פריינד זיינעם מיט דעם בליק, ער זאָל איהם די ווערטער זיינע דערקלערען. זרחי מאַכט ניט לאַנג שהיות און הויבט אָן צו דערצעהלען.

— פאַדיי, דאָס ערשטע קינד מיינס, דער בכור, ווי באַלד ער איז געבוירען געוואָרען, האָב איך מיר פירגענומען צו דערציהען, אויסצובילדען דעם „מענשען״, וואָס אין איהם. דאָס הייסט אויסבילדען איהם אַזוי, אַז ער זאָל טויגען צום לעבען פון אַ וועלט-מענשען, ווי איינער פון זיי, ניט נאָר צו אַ בעגרענעצט לעבען אין ענגשאַפט צווישען יודען, און אויף אַזוי ווייט וויפיעל דאָס יודישקייט דערלאָזט. יודען, ניט-יודען — זאָל איהם כּלל ניט אויסמאַכען. אָנלאָדען אויף זיך אַ משא יודישקייט און אַראָבוואַרפען עס דערנאָך פון זיך — איז דען ניט פיעל

גלייכער גאָר פון לכתחלה דערפון ניט צו וויסען? צו וואָס, איך בעט דיך, דאָס איינשפאַנען און דאָס אויסשפאַנען זיך — אַזאַ אומזיסטע אַרבייט, אויף וועלכער איך, זיין טאַטע, האָב אַוועקגעהאָרעוועט אַ צייט, ביז איך בין פון איהר פּטור געוואָרען. וויפיעל, אַ שטיינער האָסט אָב אַ יודען פייבוש, נעבעך, דער געמלאכה׳טער נאָמען זיינער פּאָווזוטיא, ניט אַזוי ווי ער שטעהט פערשריבען? דאָס פּלאָנטעניש אין די נעמען מאַכט דאָך אָן אַ פּלאָנטעניש אין זיינע עסקים, אין נויטיגע פּאַפּירען, און ברענגט איהם אַמאָל אויך פיעל שאָדען. פע, כ׳לעבען! אז מעהר נעהם, טאַטע, און זאָג: ויקרא שמו בישראל פּאָוונוטיאַ... דעריבער טאַקי איז פאַדיי מיינער אויסגעוואַקסען אָהן תורה, אָהן יודישקייט, דאָס לערנען זיינס און זיין לשון אינגאַנצען איז געווען ווי ביי ניט קיין יודישע קינדער.

פאַדיי איז געווען זעהר אַ גוט יונגעל, אַ פרעהליכס, אַ לעבעדיגס, געלערענט האָט ער אין דער היים ביי גובערנאַנטקעס לעהרער ביז ער האָט אויסגעהאַלטען עקזאַמען, גוט, אויסגעצייכענט, און איז אַריין אין גימנאַזיע. יענער טאָג פון דעם אַריינטרעטען זיינס אַהין איז ביי מיר געווען אַ יום־טוב, פאַרגעסענדיג מיך אינגאַנצען, וויפיעל דאָס האָט מיר אָפּגעקאָסט געלד, מיה, לויפעניש, געבעט און אומכבוד. איך האָב מוחל געווען דאָס אַלסדינג און זיך געפרעהט, אַבי ער איז אַריין. נאָר אָבער מיין ווייב, זאָל זיך איהר גרינג שלוקערצען, זי האָט, ווי דער שטייגער איז פון ווייבער אויסצוויינען זיך אין פריידען, יענעם טאָג געגאָסען טרעהרען, דערמאָנענדיג זיך, וויפיעל געזונד און יסורים האָט איהר געקאָסט די דאָזיגע שמחה.

עס געהט אַוועק אַ צייט, זעה איך. פאַדיי מיינער איז עפּיס אַראָב פּנים׳ם פנים, אומעטיג, פערטראַכט, גאָר ניט דער וואָס פריהער. אַזוי איז ער, דאַכט זיך, געזונד, לערנען לערענט ער זיך אויך גוט. וואָס־זשע דען? האָב איך דאָס צו־גערעכענט צו דעם איבערגאַנג פון די יונגעלשע יאָהרען אין די יאָהרען פון אַ בחור, פאַרשטעהסט דו? — און מיך בערוהיגט. שפּעטער אַביסעל מיט אַ צייט, הויבט מיין זוהן אָן מיר צו פערגעבען שאלות, ווי אַ שטייגער: טאַטע, פון וואָס פאַר אַ נאַציע ביזט דו? טאַטע, וואָס, אַ יוד בין איך? טאַטע, האַ, וואָס איז אַ יוד אַזוינס? טאַטע, זאָג, עסען איבערהויפּט יודען קנאָבעל און ציבעלעס? טאַטע דאָס, טאַטע יענעס, גאָר אָהן אַיין עק. איך האָב אַרויסגעזעהען, אַז אונזער ברודער עשו שטעקט דאָ אין דערמיטען.

ער האָט דאָס יעקבֿ׳ס קינד דערקלערט דאָס, וואָס דער טאַטע האָט עס געמאַכט פאַר איהם אַ שוויגן; ער האָט עס אָנגעהויבען איהם פערזוכען צו געבען די ביטערע גלות־טראָפּענס, צו בעטריבען זיין גע־מיטה, זיין לעבען. איך האָב מיין זוהן תּמיד געענטפערט אויף זיינע שאלות מיט אַ האַלבען מויל, אַפּי אויסצודרעהען זיך, און בכלל האָב איך איהם געראַטהען, ער זאָל אָנבויגען דעם קאָפּ און זיך ניט צו־הערען צו יענעמס נאַרישקייטען, געבענדיג עס איהם צו פערשטעהן מיט קרילאָווס געוויסען משל „דער עלפאַנט און דאָס הינטעל״ און אַרויסנעמענדיג דערפון אַ מוסר־השׂכל גאַנץ חכמה׳דיג, אַז אַ מענש, אַ קלוגער, בעדאַרף, ווי דער עלפאַנט דאָרט, אַראָבשלינגען אַלע בע־ליידיגונגען פון יענע בילערס און זיך דערוים גאָר נישט מאַכען. דער זוהן, אַ פּנים, איז ניט צופרידען געווען פונ׳ם טאַטענס עצה, וואָרום, ער איז אַלץ וואָס ווייטער, ווייטער מעהר אומעטיגער געוואָרען, זיך דערווייטערט פון מענשען, בעזונדערם פון מיר, עפּיס ווי ברוגז אויף מיר, און געזעסען איינער אַליין פערשפּאַרט ביי זיך אין חדר.

איינמאָל קומט פאַדיי פונ׳ם קלאַס זעהר שטאַרק צוקאָכט און לויפט אַריין האַסטיג צו זיך אין חדר. די מאַמע, מיין ווייב הייסט עס אַ שוואַכע, אַ קרענקליכע, איז גראָד געלעגען אין בעט ביי זיך אין צימער און האָט עס ניט בעמערקט. ווי באַלד מען האָט זיך געקליבען עסען מיטאָג און פאַדיי איז ניט אַריין צום טיש, בין איך אַריין צו איהם. איך טרעף איהם ליגען אויפ׳ן בעט, מיט דעם פּנים אַראָב, איינגעהילט אין קישען. עס קומט מיר באַלד אַרויף אויפ׳ן געדאַנק, ער האָט זיכער היינט געהאַט אַ שלעכטע בעגעגעניש, און האָב איהם, נעבעך, שטאַרק בעדויערט. איך רוף איהם—און ער ענטפערט ניט. דאָס האַרץ האָט מיר געריסען, אָנקוקענדיג איהם, נעבעך, אין אַזאַ לאַגע. איך רוף איהם צום צווייטען מאָל, מיט אַ ריהרענדיגער שטימע— און ער קעהרט אום צו מיר דאָס פּנים זיינס. אַך, ווי שרעקליך ער האָט אויסגעזעהן דענסטמאָל! דאָס פּנים האָט איהם געפלאַמט און די אויגען זענען איהם פערלאָפען פון טרעהרען.

—וואָס איז דיר, מיין זוהן?—פרעג איך איהם שטאַרק געריהרט.

און ער זיפצט און זאָגט עפּיס מיט פערדראָס:

— וואָס פרעגסט דו מיך? ווייסט דען ניט אַליין, אַז איך געפין מיך דאָרט צווישען פיינד? נענוג האָבען זיי מיר געטאָן אין דער גאַל ביז אַצונד, און היינט האָבען זיי מיך געפייניגט נאָך מעהר, אויס־

װאָרפענדיג מיר אַ מעשה מיט בלוט אין די מצות, און דעם יום-טוב פסח, וואָס, לויט זיי זאָגען, איז דער דאָזיגער יום-טוב ביי יודען טאַקי היינט...

ווי אַ דונער האָט מיך געטראָפען, אַזוי בין איך געוועזן צומישט הערענדיג אַזוינס, און ניט געקענט אַרויסברענגען פונ׳ם מויל קיין וואָרט. געפיהלען פון רחמנות, פון שאַנדע און חרטה האָבען ווי דער ים געשטורעמט אין מיר, און די נשמה מיינע האָט עס געוואָרפען פון איין חוואַליע צו דער אַנדערער נאָר אומצוקומען פאַר גרויס לייד!

איך פיהל די צרות פון מיין זוהן, פיל זיין ביטער געמיט און דאָס האַרץ מיינס פלאָגט מיך און זאָגט: דיין זוהנס דאָזיגע צרות האָסט דו דאָך, דו, איהם אָנגעמאַכט, דיר האָט ער דאָך זיי צו פערדאַנקען! דו האָסט אַוועקגענומען אַ נפש פון זיין פאָלק, עס זאָל זיך דערמיט ניט אָנגעהערען, נאָר מיט דער מענשהייט אַליין, ניט צו בערעכענען זיך, אַז מענשהייט איז אייגענטליך ניט מעהר ווי אַ וואָרט. אין דער וועלט זענען באמת דאָ נאָר נאַציאָס, פעלקער, און דער סך-הכל פון זיי, פון די אַלע פעלקער אינאיינעם רופט מען מענשהייט. עס קומט אַזוי פיעל אויס קרום ווי איינער, אַ שטייגער, זאָל זאָגען. בוימער איז ביי מיר גאָרנישט, וואָס געהט עס מיך אָן אַ בוים? דער עקר איז ביי מיר דער וואַלד!... דאָס האָסט דו דיר איינס, און צווייטענס, לאָז שוין זיין אפילו אַזוי מענשהייט — איז דאָך די קשיא, פאַר וואָס איז ביי דיר אויסגעקומען, אַז דער וועג צו דער מענשהייט געהט דוקא אָט דורך דער נאַציע, וועלכע דו האָסט פאַר דעם זוהן דיינעם אויסגעקליבען, און דורך ד י י נ ע ר, חלילה-וחס! קאָן מען גאָר פאַרקריכען קיין בויבעריק?... זעה נאָר, דיין זוהן, פאַר וועלכען דו האָסט געזוכט דאָס גליק ניט אין דיין פאָלק, זעה וואָס פון איהם איז אַצונד געוואָרען! וואו איז זיין גליק, וואו איז זיין נחת? פון זיין פאָלק איז ער אָבגעריסען און פונ׳ם פרעמדען פאָלק ניט אויפגענומען, הענגט ער דאָך, נעבעך, אין דער לופטען — און פערפינסטערט איז איהם זיין וועלט געוואָרען נאָך גאָר אין דער יוגענד! יודישע קינדער פון קליינער-הייט אויפדערוואַקסענע צווישען זייער פאָלק, אין דעם גוטען יודישקייט זיי ליגען גוט אין טעם יענע מנהגים, צערעמאָניעס און פיעל אַנדערע זאַכען אַזעלכע אין דעם פאַמיליען-לעבען און אין דעם כלל יודישען לעבען, וואָס פערזיסען זייער יוגענד און פערווירצען זייערע טעג און יאָהרען ביז העט אין דער עלטער. דערמאָן זיך איז דיין יוגענד, דערמאָן זיך,

אַ שטייגער אין דעם סדר פּסח, בײַ דײַנע עלטערן אין הויז! די שכינה פּשוט האָט דאָך דענסטמאָל גערוהט אויף איטליכער זאַך דאָרט — אויף דעם שען-געגרייטען טיש מיט די כוסות, אויף דעם טאַטען, אויף דער מאַמען און אויף די קינדער אַרום טיש, און דו אַליין האָסט דאָך געשײַנט, געלויכטען, זיך געשמאָלצען פאַר גרויס פרייד. דערמאָן זיך, ווי דאָס האַרץ פלעגט זיך דיר פרעהען בשעת די ימים-טובים, וויפיעל נחת, וויפיעל פערגעניגען איטליכער יום-טוב האָט דיר פערשאַפט. און היינט — היינט איז דער יום-טוב בײַ דיר גאָר ניט, וואָכענדיג, און דײַן זוהן איז געוואָהר געוואָרען, אַז בײַ יודען איז היינט פּסח פון „זיי"... אומגליקליך איז דײַן זוהן, וואָס בײַ פרעמדע איז ער אַ יוד, נאָך אומגליקליכער אָבער, וואָס בײַ יודען איז ער אַ פרעמדער!!

וואָס זאָל איך דיר זאָגען, ברודער, ביטער און זויער איז מיר געוועזען צו יענער צייט! מײַן זוהן ליגט אויפ'ן בעטעל, דער'הרג'עט, דערשלאָגען צו ליעב מײַנע זינד, און איך שטעה בבושה וחרפה, שלאָגענדיג מיך אָשמנו, בײַם דאָזיגען קרבן — און דאָס האַרץ, אַי טהוט מיר וועה!...

היינט אַז איך דערמאָן מיך דערינען, וואונדערט מיך אויף זיך אַליין, ווי אַזוי האָב איך מיך אײַנגעהאַלטען טאַקע באַלד ניט צו פערריכטען דעם פעהלער, וואָס איך האָב געמאַכט אין מײַן זוהנ'ס ערציהונג, אויס רחמנות אויף איהם און אויף מײַן כבוד טאַקי אויך. ניט מעהר די דאגת הפרנסה, וואָס פיקט אין מוח, פערשלאָגט די געפיהלען פונ'ם האַרץ. און אַלסדינג בײַ מיר האָט זיך געפיהרט אויף דעם שטייגער ווי פריהער, נאָר דאָס, וואָס איך האָב נישט געטאָן, האָט געטאָן די צייט,

עס האָט זיך געמאַכט אַ מעשה, אַז דער לערער פון היסטאָריע, אַ המן, איז זיך געזעסען אײַנמאָל אויף דער קאַטעדרע זאָגענדיג דעם שיעור פאַר די תלמידים. פלוצלים טראָגט איהם אונטער דער רוח אַ סמאָרע צו טאָן מיט דער נאָז און זאָגען: עס שמעקט דאָ שטאַרק מיט קנאָבעל! אַלע אויגען, וויפיעל עס זענען געוועזען אין קלאַס, ווענדען זיך צו מײַן זוהן, אָנקוקענדיג איהם מיט שפּאָט, און דאָס פּנים זײַנס מיענט זיך איהם, נעבעך, פאַר בושה. ער קען ניט אויסהאַלטען, שטעלט זיך אויף און זאָגט עפּיס אַ וואָרט אַקעגען דעם לעהרער.

קורץ, עס ווערט איהם נישט געשיינקט — מען שטופט איהם ארויס פון גימנאזיע.

איך האָב זיך מיישב געווען, ווי באַלד ארויסגעשטופט, זאָל זיין ארויסגעשטופט, מער וויל איך שוין נישט שווארצען דאָס פנים פאר די לעהרער. פאר דעם גאנצען פעקעל עשרת בני המן, מיט געבעט, מיט מתנות, ווי דער שטייגער איז, מיין זוהן זאָל ווידער אין גימנאזיע אריינטרעטען. לאָז ער בלייבען בעסער אין דער היים, און דאָ אויסלערנען די תורה, וואָס איז נויטיג אויף אריינצוגעהן אין אוניווערזיטעט.

איך האָב איהם אָבגעגעבען א בעזונדער שטיבעל, איינגנאצען פאר זיך, כדי ער זאָל דאָרט קענען לערנען, ארבייטען פריי, אומגעשטערט.

צו מיין זוהן אין שטיבעל האָבען אָנגעהויבען אריינצוקומען עפיס זייע חברים זיינע, מיט וועלכע ער פלעגט זיך אונטערהאַלטען בשעת א פרייע צייט פון דעם לערנען. פריהער איז די צאָהל זייערע געווען ווייניג, דערנאָך איז די צאָהל פון די חברים געוואַקסען אַלץ מעהר, און קומענדיג צו איהם עפטערם, פלעגען זיי מאַכען צווישען זיך עפיס א שמועס, האַמפערענדיג, שפאַרענדיג זיך מיט א ליאַרם, אַ געשריי. צווישען די דאָזיגע חברים האָבען זיך געפונען שילער פון אַלערליי שולען, קלויזניקעס, ישיבה־בחורים און גלאַט אַזוי זיך בחורים — קאַפאָטעס און מונדירען מיט מעשענע קנעפלעך, קאַשקעטלעך, קאַטערוכעס, היטלעך מיט הערבען אויסגעמישט אינאיינעם. מיר זענען די אַלע חברה־לייט ניט געווען צום האַרצען. איך האָב איבערגעטראַכט, צו זענען זיי אפשר ניט פון יענע, וואָס ווילען פאַרבעסערן די וועלט, קען דאָך, חס־ושלום, מיך טרעפען אַיין אונגליק דורך זיי. איך געדענק דאָך נאָך די אַמאָליגע יונגע לייט אין אונזער צייט, וואָס זיי האָבען געוואָלט און וואָס פון זיי, נעבעך, איז געוואָרען. אַ טייל זענען געזעסען, אָבגעקומען אין תפיסה, אַ טייל זענען פערשיקט געוואָרען אַזש וואו דער שוואַרצער פעפער וואַקסט דאָרט, און אַ טייל האָבען הונגעריג, עלענד זיך אַרומגעבלאָנקעט אין דער וועלט. אויך מיר, געדענקסטו, פלעגען זיך צונויפקומען אַמאָל מיט דער דאָזיגער קאָמפּאַניע און שיער־שיער זענען מיר אויך ניט אַריין אין אַזאַ צרה. פאַר אַ געשלאָגענעם הונד — איז דאָ אַ ווערטעל — טהאָר מען קיין שטעקען ניט ווייזען. דעריבער, אַז איך האָב דאָ געזעהן די חברה יונגע לייט קומען אָפט צו מיין זוהן, האָט אויף מיר תמיד געציטערט די הויט. אַ מינדסטער

שאָרך האָט זיך מיר געדאַכט ווי טריט — האַ-האַ, מען געהט!... די מלאכי-חבלה קומען בדק'עווען ביי מיר אין הויז.

זאָגען-זשע מיין זוהן, אַז איך וויל ניט ליידען, די דאָזיגע חברים זיינע זאָלען קומען צו איהם, דאָס האָב איך ניט געוואָלט. גאַנץ פשוט, ווייל מיין זוהן איז שוין אַרויס פון די קינדערשע שיכלעך און האָט שוין זיין דעה, היינט, אַז איך וועל מיט איהם אַנהויבען מיט בייזען, וועט ער מיך ניט הערען. בפרט נאָך, ווי מיר האָט זיך אויסגעוויזען איז ער שוין פון לאַנג ביי זיך אין האַרצען געווען אויף מיר יעפּים אַכּיסעל אָנגעדרודעלט. אַ חוץ דעם האָב איך מיך בעטראַכט, פיעל בעסער איז פאַר מיר מיט מיין זוהן, אַז די חברים זאָלען געהן צו איהם איידער ער זאָל געהן צו זיי. מען בעדאַרף נאָר שטילערהייט גוט אכטונג געבען אויף איהם אַזוי, אַז ער זאָל עס ניט בעמערקען.

און אַזוי טאַקע האָב איך עס געטאָן.

אַז מיין זוהן איז איינמאָל געגאַנגען מיט חברה שפּאַצירען, האָב איך מיך אַריינגעכאַפּט צו איהם אין שטיבעל, איבערגעקוקט דאָרט דאָס שאַפּקעלע מיט די ספרים און אַלע האָבען זיך דערוויזען כּשר. טהו איך דערנאָך אַ בליק אויפ'ן טיש און דערזעה אויף איהם דריי ספרים און איינס אַ אָפען ביכעל. איך קוק מיר צו, בלייב איך פערגאַפט — איך געפין אַזוינס, וואָס מיר האָט קיינמאָל ניט גע-קאָנט גאָר איינפאַלען! צוויי ספרים, הערט אַ מעשה, זענען פון די הייליגע נביאים, איין ספר איז עפּים אַ מעטאָדע, אַלע אויף לשון קודש, און אין דעם ביכעל שטעהען פערשריבען לשון קודש'דיגע ווערטער, פערטייטשט אויף רוסיש — און די האַנדשריפט איז מיין זוהנס!... הייסט דאָס אַ פּנים, אַז פאַדיי האָט זיך גענומען צו תנ"ך, צו לשון קודש. נאָר פון וואַנען קומט צו איהם אַזוינס און ווער איז דאָס דער רבי זיינער? טאַ! מאַך איך, ס'איז ניט צו פערשטעהן, מען בעדאַרף עס איבערלאָזען דער צייט.

עס האָט ניט געדויערט לאַנג, קומט מיין זוהן צו מיר מיט אַ קשיה, איך זאָל איהם ניט אָבזאָגען, פאַרבעטען צו מיר אין הויז, מאָרגען אין אָוועגד איין עולם מענשען פון זיינע בעקאַנטע, דענסמאָל איז געווען חנכּה. אָך, האָב איך געזאָגט, מיט דעם גרעסטען פערגעניגען! איך וועל נאָך מאַכען פאַר דעם עולם אַ קערמישעל אויך, טראַכטענדיג ביי זיך, אַט לאָזען יודישע קינדער זיך שפּילען חנכּה אין קאָרטען, ווי דער שטייגער איז, און אַגב טאַקי וועל איך אָנשמעקען, וואָס פאַר

אַ מיני מענשען זענען זיי. דאָס ווייב מיינס איז צופרידען געוועזן דערמיט און צוגעגרייט אַ מאָהלצייט פון דער פולער האַנד. וואס זאָל איך דיר זאָגען, מיין ליעבער, ביי מיר אין הויז איז נאָך קיינמאָל אַזאַ שמחה ניט געוועזן ווי אין יענעם אָבענד. דער גרעסטער טייל עולם איז בעשטאַנען פון יונגע לייט: בחורים און מיידלעך, גימנאַזיסטען, סטודענטען און קלויזניקעס, אָרעם און רייך אַלע גלייך, אַלע צווישען זיך פריינדליך, ליעבליך, לעבעדיג, פרעהליך טאַקי פונ'ם הארצען, און עס שיינט זיי, לויכט זיי דאָס פנים!

אין זינען האָבענדיג מיינע געסט, האָב איך מוחל געוועזן אויף מיין כבוד, אַנידערצוזעצען זיך אויבענאָן אויף אַ שטול, נאָר וואָס דען? איך האָב מיך אַרומגעדרעהט, אַרויס, אַריין, זעהן, ווי אַ בעל הבית, אַז אַלסדינג זאָל געטאָן ווערען ווי געהעריג. דעריבער בין איך בייס אַריינקומען אין שטוב געבליבען פערוואונדערט, זעהענדיג ווי דער עולם רעש'ט זיך דאָ אַזוי שטאַרק און פאַטשט מיט די הענד. איך שטעה, בעטראַכט מיך אַ ווײַלע און פערוואונדערט מיך נאָך מעהר — הער אַ מעשה, פאַדיי שטעהט און דרשה'ט פאַר'ן עולם, און אַלע שרייען איהם בראַוואָ!

דער סוף פון דער דרשה זיינער, וואָס איך האָב זוכה געווע צו הערען, איז אַזוי:

„משיח — זאָגט פאַדיי פערפלאַמט און דאָס קול זיינס קלינגט ווי אַ גלעקעל — משיח דאָס איז דאָס העכסטע אידעאַל, וועלכע דאָס פאָלק שטעלט זיך פאָר, דער תכלית זיינער הייסט עס, וואָס דערהאַלט איהם ביי דער נשמה אין דער וועלט. אין משיח'ן זעהט דאָס פאָלק אַ קוואַל פון לעבען און ליכט פון גערעכטיגקייט און יושר, פון פריידען און גליק. און די אייגענע מעשה, וואָס מיט דער זון איז און דער ערד, דאָס איז אויך מיט משיח'ן און דעם פאָלק. די ערד, ווי מיר ווייסען, שטעהט דאָך ניט אויף איין אָרט, נאָר וואָס דען, זי געהט און דורך איהר גאַנג, אומקעהרענדיג זיך מיט דעם פנים צו דער זון וואָס שטעהט, בעקומט זי פון איהר דאָס ליכטיגקייט — אַ שענעם גוט מאָרגען, אַ גוטען טאָג! אֵי וואָס מען זאָגט: די זון געהט אויף, די זון פאַרגעהט. דאָס זאָגט מען נאָר גלאַט, ווייל עס דאַכט זיך אַזוי. באמת אָבער איז גאָר פאַרקעהרט: דער זון זאָגט מען און די ערד מיינט מען. אָט דאָס טאַקי איז אויף משיח'ן מיט'ן פאָלק אויך געזאָגט געוואָרען. אַ פאָלק, וואָס שטעהט, גאָר נישט צו

כאָן, און וואַרט, האָפט אויף משיח׳ן, ער זאָל צו איהם קומען, קען עס אפשר טאַקי דיענען איהם, דעם פאָלק הייסט עס, פאַר אַבעווייז אַז ס׳איז נאָך דאָ אין איהם אַפונק לעבען. אָבער משטיינס-געזאָגט, אַזאַ לעבען! אמת לעבען קען עס נאָר, סיידען עס זאָל זיך ניט פוילען, און מוחל זיין, אַליין מיט זיין כבוד געהן צו משיח׳ן. וואָס מעהר אַפאָלק פלייסט זיך צו פאַרבעסערן זיין שטאַנד, צו פאַרגרעסערן זיין קאַפּיטאַל פון מדות טובות און קרעפטען זיינע, וואָס זענען איהם געגעבען געוואָרען אַמתנה פון זיין ליעבען נאָמען; וואָס מעהר עס טהוט זיך אָן אַכּח בייצוקומען אַלע שטרויכלונגען, וואָס ליגען איהם אויפ׳ן וועג, און עס געהט, געהט אַלץ העכער—מעהר נעהענטער קומט אַזאַ פאָלק צום ציעל און עס הייסט, משיח, דער דערלעזער זיינער, איז צו איהם געקומען!...

ראיות דערויף איז אין דער וועלט-היסטאָריע דאָ איבערגענוג. איז נאָהענט צו איהר ציעל אַנאַציע צוגעקומען, ווערט זי אויפגעקומען. צו זיין אַנאַציע איז נאָר יענע ווערט, וואָס קען, ווייסט איהר ווערטה. דאָס אייגענע איז אויך מיט אונז יודי׳ן. דאָס דערצעהלט אונז הײנט גאַנץ קלאָר אונזער יום-טוב חנוכה, וואָס מיר מאַכען לכבוד אונזערע גבורים די חשמונאים, אין וועלכע די ליעבע צום פאָלק, די ליעבע צום יודישקייט האָט ווי אַפייער...

נאָר איידער נאָך פאַדיי האָט אויסגעפיהרט אינגאַנצען, וואָס ער האָט געוואָלט זאָגען, איז די שטוב פול געוואָרען מיט אַרעש, אַגעפליעסקעריי, אַזוי אַז עס האָבען געציטערט די ווענד. מיין ווייב, זאָל געזונד זיין, שמעלצט זיך פאַר פרייד, ווערט ברייטער ווי לענגער, הערענדיג ווי מען לויבט אין טאָג אַריין איהר זוהן. איך האָב אויך גענאָסען כבוד אין זיין זכות. דער עולם גיט מיר די הענד מיט אַווינשעניש, ווי ביים אָבגעבען אַמזל-טוב, זאָגענדיג: הלואי ווי ער אַסך אַזוינע ביי יודען! און איך שטעה, ווי אַתם, חאַטש נעהם מעלק מיך אויס, שטעה און מאַך מיט די אַקסלען, טראַכטענדיג ביי זיך: „וואָס פיר אַגרויסער גאָט דו ביזט, רבונו של עולם! און ווי גרויס זענען די וואונדער דיינע, וואָס דו טהוסט אין דיין וועלט!“ ווער וואָלט זיך עס געריכט, אַז פאַדיי, ער — אַגעבוירענער „אַסימילאַטאָר“, פרעגט איהם בחרם וואָס יודען, וואָס יודישקייט, אַיודיש אות האָט ער קיינמאָל אפילו אין די אויגען ניט געזעהן, ער זאָל

שמעען אזוי פאר זיין נאציע, פאר כלל ישראל; זאל זיין אזוי פער־קאכט פאר'ן יודישקייט און זאל דרשה'נען אזוי ווי א למדן!

נאך פיעל אנדערע האבען געהאלטען רעדעס אין יענעם אבענד דאס אויפלעבען אויף דאס ניי פונ'ם יודישען פאלק — דאס איז איטלי־כען געלעגען אין מויל, דערינען זענען אלע געווען איינס, נאר אין די וועגען, ווי ארום צוקומען דערצו, האבען די מיינונגען זיך גע־טיילט, איטליכער איז זיך געגאנגען מיט זיין דרך, מאכענדיג צונישט דעם אנדערען, איז דערפון ארויסגעקומען א שפארעניש, אלע האבען זיך געהיצט, געווען פלאם פייער.

איינער עפיס א צוטראגענער, וואס דער ישיבה־בחור ליגט איהם אויפ'ן פנים, אין אלע זיינע גענג; רעדט אויף א קוויטש, אויפשטע־לענדיג דעם גראבען פינגער, און אויסברייטענדיג משל לעמעשקע ווי א חריף, א בעל־מוח — חאפט זיך ארויף אויף מיין זוהן מיט א געדראנג און גמרא־ניגון:

— וויל זרחי, זאגט ער, לאזט מיך הערען אלץ פאלק, יודיש־קייט וכדומה, איז דאך די משמעות, אז ער האלט ווי יענער מאן־ראמר, וואס דער עיקר איז ביי איהם דאס... קולטורע, חכמת ישראל, מיין איך, און ציון איז לאו דוקא. משיח איז גאר דאס... און דאס קען דאך קומען אומעטום דאס... איז דאך געדרונגען, אז ער איז ניט קיין ציוניסט, ניט דאס, נאר א דאס, א לאומי, א נאציא־נאליסט מיין איך!

— פלוצים קומט אונטער נאך איינער, עפיס ווי פון דער זייט און פריש, געזונד און משוגע טהוט ער זיך א זאג:

כדי צו ראטעווען דאס יודישקייט, דאס שריפטליכע ווי דאס דליבע, האק און פאק מיט די אלע הייליגע ספרים, וואס דערפון איינענטליך האט זיך גענומען דער יודישער פאלקס־גייסט, אדער ווי סט מען עס, נאצ'אנאליטעט, פראסט גערעדט, דער יוד מיט די ביי־

— איז אויב נאר עס איז געמאלט א בעזונדערע יודישע מדינה, זי געמאלט זיין וואו מען וויל, נאר נישט אין ארץ־ישראל, מדינה א לייטישע, ווי עס בעדארף צו זיין, איז אונמעגליך היינט גרינדען אויף יענע געזעץ און מצוות, וועלבע זענען געווען צוגע־פאסט צו יענעם שטייגער לעבען פארצייטענס, וואס איז משונה ווייט ווי דימעל פון דער ערד, פונ'ם שטייגער לעבען אין היינטיגער צייט. דעריבער איז — גרינדען א לאנד אין ארץ־ישראל און נישט האלטען

אַ סך זאַכען, אויך די מצוות, וואָס געהערען זיך אָן על פּי=דין מיט דעם לאַנד, הייסט דאָך אַזוי פיעל, ווי פערבויגען די תורה׳לע, אָבּזאָגען זיך דערפון. פיעל זאַכען אַזוינע, ווי תפלות ובקשות און מנהגים אין דעם לעבען, סיי אין שוהל, סיי אין דער פאַמיליע, וואָס האָבען אַריינגעזעצט אין דעם פאָלק אַ יודישע נשמה, אַ יודיש האַרץ מיט בעזונדערע יודישע געפיהלען, וועלען דאָך מוזען אין דעם לאַנד אויפהערען, ניט צו קענען גאָר פאַר׳ן מויל געבראַכט צו ווערען. קומט דאָך אויס, אַז די אויפלעבונג פונ׳ם לאַנד איז אַ טויט פאַר ישראל. אָנגענומען אַ פילו, אַז ישראל וועט דאָרט אויפשטעהן תחית=המתים, נאָר עם וועט דאָך אָבער זיין גאָר אַיין אַנדערער, אַ נייער ישראל, ניט די תורות, ניט דער פאָלקס=גייסט, ניט די געפיהלען, עפּיס גאָר אַיין אַנדער מין בריה, ניט דער אייגענער וואָס פריהער, און מיט אַזאַ תחית=המתים איז אַ מענש ניט צופריעדען. איטליכער וויל, ער זאָל בלייבען דער אייגענער, אַזוי ווי ער איז, אויף תמיד. אינו=דומה אין חוץ=לאָרץ—קען דער יוד זיך גרינדען אַ לאַנד אויף דעם שטייגער פון היינטיגער צייט, ניט עובר צו זיין דערמיט אויף די געזעצען פון זיינע תורות. ער בעדאַרף זיך דערפון ניט אָבּזאָגען, נאָר עס זאָגען ווי אַ יהי רצון, אַזוי ווי מיר זאָגען היינט: „יהי רצון, עס זאָל זיין דער ווילען פאַר דיר, גאָט אונזער גאָט פון אונזערע עלטערען, דאָס עס זאָל זיין אונזערע רעד פון די לעפצען באַווילינגט צו פאַר דיר גלייך ווי מיר וואָלטען מקריב געוועזן דעם קרבן... גלייך ווי מיר וואָלטען מקריב געוועזן פאַר דיר די געווירצען... גלייך ווי מיר וואָלטען, וואָלטען און וואָלטען... דעריבער.

— דעריבער שאַ, שאַ! — איז אויף איהם אַרויף דער עולם פון אַלע זייטען מיט אַ געשריי אין מיטען די רעד, און ער האָט זיך ווי אַ קעצעלע אַרויסגערוקט, שאַ, שטיל.

מילא אין קאָרטען, ווי דו זעהסט, האָט מען ניט געשפּילט. מען האָט פערבראַכט דעם אָבענד זעהר גוט, רעדענדיג אַלץ וועגען כלל ישראל. ווער פון זיי איז גערעכט, האָט געזאָגט גלייך. דרינגען געה איך ניט אַריין. מיר זענען איטליכענס רעד געפעלען, ווייל זיי זענען הערצליך, אויס ליעבע צום פאָלק.

אַצונד ווייס איך שוין, וואָס פאַדיי איז און ווער זיינע חברים זענען אַזעלכע. אומזיסט האָב איך זיי חושד געוועזן פריהער. ניט די וועלט פאַרבעסערן ווילען זיי, נאָר דאָס פאָלק זייערס. זיי ווילע

מיטהעלפען איינצוגעבען דעם פאָלק אַ פרישען גייסט — ער זאָל אָנהויבען זיך צו קענען, צו פיהלען זיין כבוד, זיין אייגענעם ווערטה און ניט צו פערלירען די האָפנונג זיינע אויף שפּעטער. ווילען אויך אויפפרישען, אויפלעבען דעם פאָלקס אַלטע שפּראַך, די שפּראַך פון דער תּורה, פון זיינע הייליגע נביאים. ניט אומצוזוארפען זענען זיי אויסען, אדרבה נאָר צובויען, צו דערלעבען זעהן יודישע קינדער זיצענדיג ווי בעלי־בתים ביי זיך אין לאַנד. דאָס זענען פונ׳ם נייעם שניט מענשען, פון וועלכע מען האָט ניט געוואוסט אין אונזער צייט. זיי זענען אויסען צוציהען יודישע קינדער, יונגע צווייגעלעך, אָבגעריסענע פון דעם יודישען בוים, און בעהעפטען זיי ברידערליך צוריק צו זייער פאָלק דורך ליטעראַטור, שפּראַכע און יודישע געשיכטע. די וואָס קענען יודיש, נעהמען זיך אונטער ביי זיי צו לערנען יענע, וואָס קענען ניט, איבערגעבענדיג זיי זייער תּורה מיט זייער גייסט. אָט די דאָזיגע לייט, זיי האָבען עם געיודישט פאַדייען און נאָך אַזוינע נפשות ווי ער, געבענדיג זיי שטונדען אין דעם יודישקייט. און מיין זוהנס שטיבעל האָט זיי געדיענט פאַר אַ וואוילע אָרט, אויף צונויפצוקומען זיך דאָרט, איבערשמועסען און בעראַטען זיך וועגען זייערע אינטערעסען.

הײנט בעטראַכט זיך נאָר — לאָזט אוים זרחי זיין דערצעהלונג — די גבורות פון מיין זוהן, אַז ער האָט געקענט צושטעהן אַזוי צו זיין פאָלק! אַזעלכע וואָס פון קליינוויז אויף זענען זיי איינגעטונקט געוועזן אין יודישקייט און עלטערוועדענדיג האָבען זיי זיך דערפון אויסגעטאָן — אַזעלכע, זאָג איך, איז נאָך דאָ אַ האָפנונג, אַז אפשר אין דעם זכות פון זייערע עלטערן, כשרה יודען, און אין דעם זכות פון דער תּורה זייערער, מיט וועלכער זיי האָבען זיך אָנגעזאָפּט אין דער יוגענד, וועלען זיי זיך צוריקחאַפּען צום יודישקייט. אָבער וואָס איז דאָ צו האָפען פון קינדער. וואָס די טאַטעס זייערע אַליין זענען אַראָב פונ׳ם וועג און פערפיהרט מיט זיך זיי, זייערע קינדער, נים צו געבען זיי פערזוכען פונ׳ם יודישקייט אַ לעק? אַזעלכע אַז זיי קעהרען זיך אום צו זייער פאָלק, איז ווירקליך טאַקי אַ גרויסער נס, וואָס טרעפט זיך זעהר זעלטען. ביי פאַדייען איז נאָך גרעסער דער נס, וואָס ניט גענוג ער אַליין האָט זיך צוריקגעקעהרט, האָט ער נאָך צוגעצויגען אויך מיך, דעם טאַטען זיינעם!

אויך דאָס מוז איך דיר זאָגען, אַזוי ווי דער תשובה טאָן פאַדיי׳ס, וואָס איז ניט ערצויגען געוואָרען יודישליך ווי איך, איז חשוב׳ער פון

מיינס, פּונקט אַזוי חשוב׳ער פון מיינס איז אויך דיין תשובה טאָן: איך אַליין בין דאָך געוואָרען אַ בעל־תשובה ערשט נאָך דעם, אַז איך בין געקומען צו אַזוי פיעל חרפּות־בזיונות; געגוג האָבען שונאים משונה ווילד, נעבעך, געאַרבייט, אַריינגעלעגט אין מיר אַזוי פיעל מיהע, ביז זיי האָבען מיך געמאַכט פאַר אַ יידען, — און דו האָסט אַ גרויע האָר דערזעהען, אָט די האָר פון דיין פאָטער, כּיזט דו באַלד איבערגעביטען געוואָרען. דאָס וואָס אַזאַ האָר האָט געווירקט אויף דיך אין אַ רגע, האָבען שונאים געווירקט אויף מיך ערשט נאָך אַ צייט מיט יאָהרען. — כּבוד, גרויס כּבוד דיר, ליעבער פריינד! כּבוד, גרויס כּבוד דעם טאַטען דיינעמס גרויע האָר!...

— כּבוד. גרויס כּבוד דעם זוהן דיינעם! — האָט כּרפּס אָבגעענטפערט שטאַרק געריהרט — כּבוד, גרויס כּבוד אויך די חברים זיינע, יונגע לייט, די שוועלבעלעך, וואָס ברענגען די בשורה פון אַ ווּעסנע, די בעגייאונג, די אויפלעבונג פון אונזער פאָלק! — — —

אַ געשמאַק דערקוויקענדיג ווינטעל האָט זיך שטיל שוועבענדיג אַריינגע׳גנב׳עט אין צימער דורך דעם אָפענעם פענסטער צום גאָרטען צו. דיביידע פריינד האָקען איבער דאָס געשפּרעך, קעהרען זיך אוים מיט דעם פּנים צום גאָרטען. איינגעהמענדיג גרויס פערגעניגען פונ׳ם ערשטען סימן לעבען, וואָס די וועלט ווייזט אַרויס, פונ׳ם ערשטען ריהרען זיך איהרם ביים אָנהויב וועסנע נאָך אַזאַ לאַנגען, שטאַרקען ווינטער־שלאָף. קוים קוקען אַרויס פון דער ערד יונגע גרעזעלעך, קוים פּוקען גיך די בוימער, נאָך נאַקעט. אָהן אַ מלבוש פון גרינע בלעטער — קלינגט שוין דאָס לעבענסליעד אין דער גאַנצער וועלט! אָט דאָס ליעד האָבען געזונגען היינט לעבענדיג, פרעהליך די פייגעלעך צווישען צווייגען; זשאַבעס אין קאַליוזשעס, טייכען; פליגען, בינען ביים אַרויסקריכען פון לעכער, שפּאַלטען. די זון איז היינט אַרויס פון איהר פוטער־פאַס פרעהליך, אָנקוקענדיג די ערד מיט איהר ליכטיג פּנים, זי געקושט ליבליך, וואַרעם, ווי אַ חתן אַ כּלה — האָט זי, די ערד, זיך גאָר מחיה געווען, זיך גענומען אָבריינינגען פונ׳ם גאַנצען שמוץ, פון די אַלטע פערפוילטע געוועקס איהרע און צוגרייטען זיך נייע, גוטע שענע זאַכען צו דער חתונה איהרער למזל־טוב. אָבענדס האָט זי זיך איינגעהילט אין אַ טונקעלען דעקטוך מיט העלע זילבערנע פליטערלעך פונ׳ם שיין פון דער לבנה און איינגעדרימעלט מיט זיסע גוטע האָפנונגען אויף מאָרגענדיגען טאָג.

וועסנע אין אַ גוטע מזל'דיגע שעה!

זרחי הויבט זיך אויף פֿונ'ם אָרט און קלייבט זיך געהן צו זי אין אײנפֿאָהרהויז.

— צו מיר מאָרגען אויף וועטשערע — בעט כרפס דעם חבר זיינעם, געבענדיג איהם די האַנד.

— „אויף וועטשערע" זאָגסט דו, און ניט צום סדר?!

— יאָ, ליעבער זרחי, טאַקי אַזוי, און עס טהוט מיר זעהר באַנק, וואָס ס'איז אַזוי. פֿונ'ם גאַנצען הארצען וויל איך מאַכען אַ סדר צוליעב מיר און מיינע קינדער, וואָרום קיין זאַך פֿערדריסט ניט אַזוי דאָס הויזליכע לעבען, זעצט ניט אַריין אַזוי פֿעסט דאָס יודישקייט אין די קינדערשע הערצער ווי די ימים־טובים. נאָר וואָס זאָל איך טאָן, אַז דאָס הויז — דאָס איז דאָס ווייב, און דאָס ווייב מיינס, דו קענסט דאָך זי, איז ניט פֿון יענע ווייבער, וואָס לייענען תחינות, זי האַלט עפּעס ניט פֿונ'ם יודישקייט.

— נאָר ניט געזאָרגט, כרפס מיינער! נאָך היינט געה איך צו דיין ווייב און גיב איהר אַ שטונדע אין יודישקייט, מעגסטו זיך, נישקשה, אויף מיר פֿערלאָזען, אַז איך וועל זי יודישען. און מיר וועלען, אם ירצה־השם, עסען מצה, מרור און חרוסת, פֿיש, קניידלעך און אַלע יודישע מאַכלים, צו דיר, ליעבער כרפס, מאָרגען צום סדר בעט איך דיך, צו דיר אין הויז.

* *
*

און אַ סדר האָט מען אָבגעריכט ביי כרפס'ן אין הויז זעהר אַ שענעם, אַ כשר'ן טאַקי ווי זרחי האָט געזאָגט. דער טיש איז געוועזן געגרייט מיט אַלע צערעמאָניעס ווי געהעריג, כרפס דער מלך איז געזעסען אויף דער עסעבעט גאַנץ געהויבען, דאָס ווייב, די מלכּה איהם ביי דער רעכטער זייט. זרחי ווי אַ משנה־למלך — צו דער לינקער זייט, און אין שטוב איז געווען ליכטיג, פֿרעהליך, דאָס קליינוואַרג וואונדערט זיך, איינס דעם אַנדערען פֿרעגען: מה נשתּנה, פֿאַר וואָס איז די נאַכט געוואָרען עפּעס פֿערענדערט פֿון אַלע אַנדערע נעכט? ווינשענדיג זיך — הלואי תמיד זאָל זיין אַזוי. און די גרויסע זאָגען די הגדה, ווי מען איז דערלעזט געוואָרען פֿונ'ם גלות־מצרים, ווינשענדיג זיך, הלואי רבונו של עולם, דערלעזט צו ווערען פֿונ'ם היינטיגען גלות — און לשנה הבאה בירושלים.

# אויף אסיפות

# אויף אסיפות.

— איך זאָג עס אַקעגען דעם, זאָג איך עס, אַז ווי די מעשה איז, אַזוי אָדער אַזוי, לאָז מען שמועסען אַזוי, אָדער ווידער פאַרקעהרט, איז אַלץ גאָרנישט. דער שפּיץ איז, זאָג איך אייך, בע, גישטאָ ביי וואָס אָנצונעהמען.

— רייגע דבורים, רב יודעל! לאָז מען הערען ווערטער. ביי אייך, האָט קיין פּאַראַיבעל נישט, איז אַלץ עפּיס אין דער זייט, פּאַפּעריק, מעשה ליטוואַק, מחילה, אַלץ „אַקעגען דעם זאָג איך עס, אַקעגען דעם זאָג איך עס“. און וואָס? געה, שטויס זיך אָן. געה, זיי אַ נביא, טרעף וואָס „כלומר“ איז דער טייטש. אַי פּע, כ׳לעבען, האָט קיין פּאַראַיבעל נישט, רב יודעל!

— טאַקי, באמת טאַקי, רב יודעל, האָט קיין פּאַראַיבעל נישט, רב יודעל! חאַסקיל אונזערער איז אפילו אַ שטיקעל דאָס... אויף חסידיש הייסט עס פּשוט „שייגעץ“, נאָר גערעכט איז ער דאָך פאָרט. נאָך אַ מאָל: מיר, יודען, נעהמען זיך דאָ צונויף וועגען אַזאַ וויכטיגען ענין, וועגען כלל ישראל, ווי ראַטעוועט מען זיך און דאָס ביסעל יודישקייט, וואָס שטעהט אַזוי שמאָל. איטליכער פון אונז דאָ לאָזט זיך הערען מיט זיינס אַ וואָרט, מיט אַ עצה, מיט אַ סברא, ווי ווייט מעגליך. און אַז עס קומט צו אייך; שאַ! לאָז מען הערען, וואָס זאָגט

עפּים רב יודעל. זאָגט, רב יודעל... וואָס? האַ, פאָרט וואָס? מען חלש'ט דאָך הערען רב יודעלס אַ וואָרט.

— דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבען — יודישע קינדער זאָלען חלש'ן הערען אַ וואָרט! ריידען, מהיכא תיתי, ס'איז ביי זיי עפּיס אַזאַ מין חולשה אַזוינע... איך זאָג עס אַקעגען דעם, זאָג איך עס, אַז ס'איז נישטאָ וואָס צו זאָגען. „לאָז מען הערען, זאָגט איהר, וואָס זאָגט רב יודעל"? — אַ קאַטאָוועס עפּיס! לאָמיר זיך נישט נאַרען, מיינע ליבע יודען, אַי זייט איהר קלונעטשקע, אַי זייט איהר דורכגע-טריבענע, וואס מאכט ביי אייך אוים אַזוינער ווי רב יודעל; משטיינס-געזאגט, דער גאנצער יודעל!...

— סטייטש, סטייטש, רב יודעל! נאָט איז מיט אייך, איהר זאָלט אַזוינס זאָגען, רב יודעל!

— נו, וועל איך נישט זאָגען... און מען פארשפּאָרט עס טאַקי צו זאָגען. איינגאַנצען מיט אייערע גיינג, מיט אייער בענעהמען, זאָגט איהר עס טאַקי אַליין. אייער פעררייסען די נאָז, אייער קוקעלע' עפּים אַזוי, פון אויבען אַראָב, אייער נישט דערהערענדיג זיך מאַכען כלומרשט בשעת מען רעדט, אייער נישט ווימענדיג זיך מאכען, נישט צו-דערקענען זיך געבענדיג אַ מאָל, שטייף, שטייף האַלטענדיג די האַנד אין דער קעשענע — דאָס אַלסדינג, האָט קיין פּאַראַיבעל נישט, זאָגט, נישקשה, זאָגט און זאָגט. איך זאג עס אַקעגען דעם, פאר-שטעהט איהר מיך, זאג איך עס, אַז...

— נאָט אייך גאָר פלוצלים. מאָווע-מאָווע מאָקע!... גוט מאָרגען, געלע, רעטיך טראָג איך.

— ווער בענומען, האַסקיל! וועסט נישט אויפהערען מיט דיינע שטיקלעך? געה דיר, געה צו אַלדי גוטע יאָהר! — אָמת טאַקי, רב יודעל, האַסקיל אונזערער איז אַפילו אַ שטיקעל דאָס... אַ שיינגען הייסט עס אויף חסידיש, אַלעם איינם, וואס אַ ברענענדיגער חסיד, אַ מזיק, אַ ספירט, נאָר געדעכט אָבער איז ער דאָך פאָרט. אַ פרעג אַ ביסעל: וועגען וואס?! סטייטש מי רעדט, רעדט אַזאַ לאנגע נאכט. עס האָט גערעדט רב איציק-יענקיל, זאָל געזונד זיין; רב ישראל-חיים זאָל לעבען; רב הירש-ליב, רב ליב-הירש, נאָך און נאָך. מען האָט גערעדט, געזאגט. געשריען הידד! סטייטש, נישט געהערט?!

— הערען האָב איך געהערט אַז מען רעדט, נאָר וועגען וואָס, בין איך זיך מודה, ווייס איך נישט. גאַנץ פּשוט, רב איציק־יענקלען האָט פערשלאָגען די רייד רב ישראל־חיים, רב ישראל־חיים׳לען האָט פערהאַלטען רב הירש־ליב, רב הירש־ליב׳ן האָט פערהאַלטען רב ליב־הירש און אַזוי ווייטער, ווייטער. עפּיס אַ גאַנצער חד־גדיא, אַ פאַרשלאָגעניש, אָבשלאָגעניש, אַוועקשלאָגעניש ביז אַנגסטענבעשלאָגעניש, האָט מיר קיין פאַראיבעל ניט. איך זאָג עס אַקעגען דעם. זאָג איך עס, אַז מחמה דעם פאַרשלאָגעניש טרעפט זיך עס אַ מאָל ביי יודען, אַז מען זאָל נישט וויסען, וואָס יענער זאָגט, יאָ, מען זאָל נישט וויסען אַפילו אַליין וואָס מען זאָגט, ביי יודען מיט גמרא־קעפּלעך, וואָס דער עיקר איז ביי זיי „סלסלה", דאָס גרייזלעניש־ דאָס דרעהעלע, דאָס פאַרדרעהעלע און אויסדרעהעלע, מאַכט זיך עס אַ מאָל, אַז מען פאַר־קריכט אין טיעפע חקירות עפּיס גאָר ניט צו דער זאַך, מען פאַר־פּלאָנטערט זיך, פאַרפּליהט העט העט אַזוי, אַז עס כאַפּט אויש אָן אַ שווינדעל, נישט צום פאַרשטעהן! — נאָך אַ מאָל, זאָג איך, האָט מיר קיין פאַראיבעל נישט.

— אויף אייך, רב יורעל, פאַראיבעל האָבען, חלילה! מעגליך, ס׳איז אייך נישט אַריין אין קאָפּ, ווייל אייך איז דער קאָפּ פער־שלאָגען אַ צינר. אַ קאַטאָוועס עפּיס זייט איהר ביי אייך דאָרט אין שטאָדט דעם הייגטיגען נאָך פסח אויסגעשטאַנען, רב יורעל! דער־פעהלט חאָטש עפּיס, איהר מיט אייער מויל, רב יודעל, וואָס איז אַזוינס געשעהן. הא וואָס?

— צרות! צרות, מיינע ליעבע יודען. איך זאָג אַ קעגען דעם, זאָג איך עס, אַז ס׳איז נישטאָ וואָס צו זאָגען. נעהמט אונזערע „קינות", אונזערע יענע טרויעריגע „סליחות", די אַלע מעשיות און, משטיינס־געזאָגט, אונזערע „געשיכטעס" פון גאַנץ אַלטע צייטען, פון אַלטע, פון מיטעלע און ווייטערדיגע צייטען, וועט איהר אייך האָבען סך־הכל דאָס אייגענע וואָס היינט ביי אונז. די אייגענע צרות, די אייגענע פּורעניות, אייגענע געברענטע-געבראָטענע לייד, — צו־וואָס זיי איבער־רעכנען, איבערזאָגען? אַ חשק אַ ביסעל אויפדעקען דאָס צוקאַטעוועטע לייב, מחילה, און אַרויסשטעלען דער וועלט — נאַט, קוקט די וואונ־דען! וואָס איז, אַ כבוד איז עס, אַ גרויסער אַ שענקייט, אַ פאַרגניגען?...

— מען מוז דאך טאַקע עפּיס טאָן, רב יודעל, זיך ראַטעווען פון גיכער טאַקע, און אימליכער טאַקע, אָהן אַ שום אונטערשייד.

— אַט דאָס איז טאַקע די גרעסטע צרה, וואָס גיכער און אימליכער אָהן אונטערשייד. איך זאָג עס קעגען דעם, זאָג איך עס, ברידער, וואָס איך אַליין, נישט פאַר אייך געדאַכט, האָב ערשט נישט לאַנג דערפון מיטאַמאָל געליטען. בדיל-הדל בין איך געוואָרען צוליעב די שענע ראַשינקעס. איך זאָג עס קעגען דעם, אַז דאָס היצען-זיך, דאָס פּילדערן איז נישט אויף ניאָס. פון היצען-זיך און פּילדערן איז נאָך נישט געדרונגען, אַז מען איז פאַרטיג טאַקע אין רעכטען זמת צו טאָן, פון אַנגעצונדענע פייערווערק האָט מען נאָר רויך און משאַד. אַי, ברידער. ס'איז אַ ווערטיג צו דערצעהלען, וואָס האָב איך געליטען

— מען דאַרף ציהן ריידעניג מאַכט דורך דעם „וויענער נע-פריינקעלי"

— וויי, מיינסט דו, האַסקיל? שוועריך, ווייז טרינקט נישט רב יודעל

— אַ טעש ביסט דו, ניטאַעל. אָבער קידוש מאַכט רב יודעל; נו, וועט ער מאַכען קידוש. וואָס מאַכט עס דען אויס, קידוש הייסט דען נישט געטרונקען? פאַרקערט, נאָך אַ רוב כוס, אַ כוס פון אַ רביעית. עס וועט איהם זיך עפענען דאָס מויל, נישקשה. פּי, וועט ער ריידען! איך קען בעסער רב יודלען, דו טעש איינער, ביי איהם איז קיין זאַך נישט מיט אַ טאָם. שווייגט ער, איז געשוויגען, רעדט ער, איז גערעדט, אָהן אַ אויפהער. — רב מענדיל, אַ, רב מענדיל! רופט איך אָב, טויב זייט איהר היינט, צי וואָס? מען זאָל עס הערען פון אייך היינט אַ וואָרט. עפּיס נאָר ווי געמאַכט אַ האַלבע איינגעיינעט מיט רב יודלען, אַז אַלע מעגען זיך ריידע צוזעצטערהיים און די זאָלע שווייגען.

יאָ, האַסקילע מיינער, מאַכט איך: שווייגען וועט אַלע ריידען, נאָר אָבער ריידען וועלן אַלע שווייגען!

צו רידערט זיך-ושע, רב מענדיל. נעהמט אַ כוס און מאַכט קדוים פאַר רב יודלען, פאַרכּוס'עט איהם אויך, אַז ער זאָל ווערט

לעבעדיג און ריידען. עס וועט שוין זיין שטיל, אַלע וועלען שווייגען. נישקשה.

דאָס „כרמל=געטריינקעל“ איז, הפנים, א גוט מיטעל, ווי איך הייס נימפעל! איהר זעהט, עולם, ווי רב יודעל איז איצט בגילופין, לעבעדיג, אויפגערייטמט. ער איז קאַפּאַבעל אפילו „אָדם יסודו מעפר“ אָבצושפּיעלען, ווי א אָדעסער שניידער, מיט א מארש. צו איהם טויג טאקי איין רב מענדיל. שא עולם, אָט עפענט רב יודעל א מויל און הויבט אָן צו דערצעהלען

שא, שא, שא!

— דאָס גאנצע ביסעל גוטס מיינס — הויבט אָן רב יודעל — האָט אין דעם קאסטען זיך געפונען, א קאסטען א אלטפעטערישער, א אָרון בירושה פונ'ם עלטערזיידען. אין שטוב האָט זיך געפונען נאָך אזעלכעס, וואס ווערט געברויכט אין דעם בעל=הבתישקייט, וואָס איז נייטיג אין לעבען אריין. איך זאָג עס אקעגען דעם, זאָג איך עס, אז פאר א יודען בלייבט איין מיטעל — די תבה, ער מוז שטענדיג זיין גרייט, געפּאקט אין דער תבה, מאלע וואָס עס קען זיך מאכען: א בייזע מהומה, א איבערפאלעניש, א אָנשיקעניש, א כאפעניש=לאפעניש, צעשטערעניש, בעהיט זאָל מען ווערען. די אלע אנדערע זאכען, וואָס זענען א חוץ דער תבה — איז פו! איך זאָג עס אקעגען דעם, ווי נאדיש, שטארק נאריש ס'איז אויסברייננגען זיך, ציהען פון זיך די קליידער, פארקויפען זיך, אוועקגעבען די נשמה, א שטיק געזונד, וואָס איז? כדי ארויסשטעלען זיך פאר דער וועלט מיט דעם פוץ, מיט דער פּאָמפּע — נאט, קוקט וואָס ביי מיר געפינט זיך! די שעה זאָל נישט זיין, איין בלאָז פון ערגיץ, פון די, פון יענע, ווערט דערפון אינגאנצען אשפה. ביז וואנען דו וועסט זיך בעטראכטען, זיך צונויפנעהמען ווערט פון דיר א תל. אריין, זאג איך, אריין, יוד, האַק און פּאַק אין דער תבה, פארשלים זי, שטעל איהר אונטער רעדלעך, אין א נויטפאַל זאָל זי געהן ווי א פוטער. און דו אליין זיי א העזעלע, גוט צו־נויטפאַל... גוט צוהארכענדיג זיך, סיי ביים וואַכען סיי ביים שלאָפען, מיט אויפגעשטעלטע אויערלעך; קוים עפּיס א פייף: טרו — טו — טו! כאפּ, ווי מען זאגט „סקרינקע — פערינקע“, די פיס אויף די פּלייצעס — און ויברח: אויף א בוידעם, אין אַ קעלער און וואו ס'איז ערגיץ עפּיס א לאָך, וואָס

דער שומר ישראל, „דער וואָס טהוט אָבהיטען זיין פאָלק ישראל" שיקט דיר צו. אָט אויף אזא אופן, זאָג איך עס, קען דער יוד נאָך האָבען א קיום. לאָז זיך אייך דאכטען לופט. ער איז למשל לופט אין אַ אָנגעבלאָזענעם פּאַחירעל, גיט מען איהם אַ קוועטש דאַ, איז ער דאָרט, אַ קוועטש דאָרט, איז ער דאָ. אפשר ווילט איהר, איז ער אַ קוועקזילבער, דאָ וואו ס'איז קאַלט, זינקט ער, פאלט ער אראָב, אראָב. און דאָרט, וואו ס'איז ווארעם, איז ער געהויבען, שטייגט ער ארויף, אַרויף. איך זאָג עס אקעגען דעם, זאָג איך עס, ווי מען בעדארף זיין תמיד גרייט, באַרעכענט, נישט געכאַפּט, נישט געיאָגט, ווי דער שטייגער איז בשעת א צרה גאָר אומגעריכט

מילא, הערט זשע, ברידער, בשעת דעם איבערפאלעניש היינטיגס יאָהר, נישט דאָ געדאַכט, איז מיר אָבגעגאָלטען, אָבגעלאָפען מיט חסד. איטליכער ביי אונז איז געוועזן פארנומען מיט זיך. דער משחית איז נישט איבערגעשפּרונגען קיין איין יודיש הויז. נישט ווארטענדיג אויף כבוד ביז ער, דער משחית, הייסט עס, וועט קומען צו מיר, לאָז איך דעם קאַסטען א פּאָהר טאַן אויף די רעדלעך, שטופּ, שטופּ די תבה פאר מיר, דאָס ווייב מיט די קינדער הינטער מיר, און מיר שטופּען זיך, מיט דעם אויבערשטענס הילף, אריין אין קעלער — אַ מערת המכפלה אזוינע, דאָס הייסט א לאָך אין א לאָך, וואס חוץ א יודען וועט קיין בן אָדם פון יענע לייט נישט זוכה זיין א פוס אהין אריינצושטעלען. איך זאג עס אקעגען דעם זאג איך עס, אז א קאָפּ אויף דורכשטופּען זיך אין דער וועלט, אָנשפּארען אין אלע לעכער, האָט נאָר טאקי א יוד, ער איז משׁשת ימי בראשית בעשאפען געוואָרען, טאקי צו זיין אין גלות.

— קיין קאָנטראַקט פונדעסטוועגען מיט דעם רבונו של עולם, אז מען זאל מחויב זיין אין גלות, האָט דער יוד נישט געמאַכט — שרייעט ארוים איינער פונ'ם עולם — געגוג, איבערגענוג! לאָז זיך דער רבונו של עולם זוכען אנדערע אויף גלות אָבריכטען אָנשטאָט דעם יודען זיינעם. דער יוד וועט זיי מוחל זיין דעם שארפען קאָפּ מיט די אלע שפּיצלעך, אלע אָבשניצלעך און אויבער־הסברות זיינע וועלכע מען דארף צום גלות נייטיג האָבען. אַי וואָס, וואָס ווילען טאָן יודען אהן גלות? פאר וועמען ווילען זיי זינגען „מה יפית". ביי וועמען ווילען זיי זיין תקיפים און וועמען ווילען זיי אין אויער איינרוימען —

דאָס וועט מען צייט האָבן צו בעטראַכטען, אם ירצה השם, שפּעטער,
דערווייל לאָמיר נעהמען צו ביסלעך „כּרמל“. מאַכט ברכה, רב יודעל!
אָט אזוי, אזוי, א רוב כּוס, ווי על פּי דין. אצינד פאהרט, זייט
מוחל, ווייטער, רב יודעל! שטעהט, הייסט עס, די תּבה אין לאָך.

— שטעהען מיר, הייסט עס, אין לאָך... זאָג איך אייך, אזוי
לאנג, אזוי ברייט ביז ס'איז שוין אָהן סכּנות, מען מעג שוין א קוק
טאָן אויף דער ליכטיגער וועלט. איך זאג עס אקעגען דעם, זאג איך
עס, „די ליכטיגע וועלט“ ווי פאר וועמען. פאר אַנדערע איז זי ליכטיג,
פאר אונז איז דאָס אייגענע וואָס דער לאָך. די זון שיינט, נישט
אָבער פאַר אונז, די לבנה לויכט פאַר יענע, וואָס שפּאַצירען אַרום
מיט זייערע ליעבע אין די פרייע ערטער, פאַר אונז איז זי דאָ נאָר
דערויף, זי נאָר מקדש צו זיין, נישט מעהר. פון בוימער, פון בלו=
מען, פון רויזען האָבען מיר נאָר גרינע ציבעלעס, פון שפּיעלפיינע=
לעך — גרילען; א שפּור פונ'ם זומער אין שטוב — פליגען און פליי —
כּחול הים. ברוך השם, איבערגעקומען, אויס לאָך און ווידער אין שטוב,
ווידער א בעל הבית ווי געווען, שאַ, רוהיג, שטיל, נישט מעהר
וואָס דער קאָפּ דאַרט וועגען דער פּרנסה, וואָס דאָס הארץ טיאָכקעט
פון א מינדסטען שאָרך. אָט אַזוי האָט זיך עס געלעבט, נישט צו
פאַרזינדיגען, גאַנץ געוועהנטליך, ווי דער שטייגער איז. בעדאַרף,
מעשה שטן, זיך פון דער העלעד הויט מאכען א שרפה, עס נעצט א
שרעק. און וואו נעצט? נישט ווייט פון מיר, אין מיין געסיל. איך
אַליין האָב מיך גראָד ארומגעדרעהט אין מארק, דערהערט: עס נעצט,
לויף איך דאָך מסתּמא גאָר אין איין אָטהעם, און פאַל פון די פיס
לויפענדיג. ביז גאָט האָט מיך געבראַכט אַהיים, איז מיר שיער די
נשמה נישט אַרויס... הע=הע, וואָס עס טהוט זיך! די שטוב מיינע
איז בעפאַלען, נישט בעפאַלען פון גזלנים, חלילה, נאָר פון יודען,
גוטע ברידער, וואָס זענען זיך צונויפגעלאָפען פאר רחמנות צו ראַטע=
ווען, און וואס טהוען זיי? זיי געוואַלדעווען, שטרעקען הענט, טייטען
מיט די פינגער, אַלע אין איין קול: געוואלד, ראטעוועט! פאר גרויס
אַיילעניש און אימפּעט כאַפּט מען, דער א לאקשענברעטיל, א ווייקשעפ=
טיל, א טשאָלענט=טעפּיל, יענער א ריבאַייזען, א פלעקיל, א מילכדיג
לעפעל און יאגען זיך האסטיג, הענדום=פּענדום, מיט דער דאזיגער
סחורה גלייך ווי מיט עפּים רעכטס, מיינענדיג, זיי ראטעווען, ארבייטען

מעשים. — וואָס טויג מיר, שרייַ איך, די שמאָכטעס, די קליינקייטען, נאַרישקייטען, געוואַלד דער קאַסטען, מיין קאַסטען! דאָרט געפינט זיך מיין גאַנץ פאַרמעגען, מיין מיה, מיין אַלץ-מיט-איינאַנדער פון אַזוי פיעל יאָהרען. — איהר פאַרשטעהט, יודישע קינדער, ווי כאַפען זיך צו אזעלכעס, וואָס אַבי געזונט, אבי גאָט העלפט, מען איז א בעל הבית, קומען שוין די אלע דאָזיגע זאכען ממילא פון זיך אליין, גאָר אונבעמערקט. איך זאָג עס אַקעגען דעם, זאָג איך עס, וואָס הייסט אַזוינס, אַז מען איז צוטראָגען. אַצינד, לאחר המעשה, לאַכען יענע אַליין פון זיך, וואָס פאַר א נאַראָנים זיי זענען געווען, איבער וואָס זיי האָבען זיך אַזוי געהיצט, אָנמאַכענדיג א טאַראַראַם, א רעש, א געפילדער, אַליין גאָרנישט געטאָן און אַנדערע נאָך אין זייער אַרבייט געשטערט. איינער האָט אָנגעהויבען, געפיהרט דאָס רעדיל, און די איבעריגע שוטים נאָך איהם. — צום קאסטען איז שווער צוקומען, יודען באַברען זיך, שטופען זיך אַרום איהם. וואָס זיי ווילען איז נישט צו פערשטעהן. איך דערשטופ מיך פאָרט צום קאַסטען, טהו איהם אַ שטופ — ער ריהרט זיך נישט ווי אַ שטיין, שטופ איהם און שטופ — נישט פונ'ם אָרט. איך טהו אַ קוק — אַ-אַ, נישטאָ די רעדלעך! יודען אין כאַפעניש, שטופעניש, האָבען צעבראָכען די רעדלעך. רוקען אזא משא איז שווער ווי א מויער צו ריהרען.

דאָס פייער דערווייל שוויינט נישט, עס קומט צו נעהענטער, פונקען פליהען, דער הימעל רויט און זיילען רויך טראָגען זיך הויך אין דער לופט.

יודען זענען צודולט, ווארפען זיך אהין, אהער, להבדיל, ווי די פער'סמ'טע מייז, פלאָנטען זיך איינער דעם אנדערען פאר די פיס — און הילף, נישט אויף קיין האר, כאפ איך, טהו אַ שטעק דעם שליסעל אין שלאָס אריין כאָטש איינציגווייז מציל זיין פונ'ם קאסטען מיינע זאכען. אָבער נאָר-וואָס איך וויל טאן א דרעה, טהוען זיך א לאז צום שלאָס הענד, דער א דרעה, יענער א דרעה, נישט צו וויסען, אין וועלכער זייט, אהער אדער אַהין, גלאט א דרעה אין דער וועלט אריין, אבי געדרעהט. איטליכער מיינט, אז ער קען העלפען מיט זיין דרעה. קיין גוטס, זעה איך ארויס, קען פון די דרעהענישען נישט ארויסקומען, מען טהאר אזוי נישט לאָזען. נו אז מיינער נעהמט זיך צונויף מיט אלע קרעפטען, כאפט זיך צום שלאָס, וויל דרעהען — עס

נעהט נישט, איך גיב אַ קוק, שלעכט! און טהו אַ היק אויף דעם עולם· אָבער וואָס אַ היק הגדול והנורא:

— אָט זעהט, יודען, וואָס איהר האָט מיט אייער איילעניש, כאַפּעניש, אָנגעמאַכט — דער שלאָס וויל זיך נישט עפענען! עס פעהלט דערצו איין קלייניגקייט, עס פעהלט — דאָס הערצעל! צובראָכען אינ־ווייניג איז דאָס הערצעל אָהן אַ הערצעל וועט אייך נישט העלפען קיין שום חכמות, אַלע אייערע דרעהענישען...

און באַלד טאַקי טרעט צו דאָס פייער עס קנאַקען דעכער, עס קראַכען פענסטער, שויבען פלאַצען, פייערדיגע צונגען, מלאכי הבלה׳ס רייסען זיך אַריין אין הויז גאַנץ פריי, ברעכען· צערשטערען אום־ברחמנות...

מיינע יודען טהוען זיך אַ כאַפּ־אויף ווי טויטע שלאָף, רוקען זיך אַב ווייט און בלייבען פערגאַפט.

אוי, מיין קאָסטען! — —

# אַ שטאָט אין מזרח וואַנד

# איבער אַ שטאָט אין מזרח.

## מעשה נורא וואָס איז זיך פערלויפען אין קאַבצאַנסק.

קאַבצאַנסק, איינע פון יענע געוויסע מקומות, וואו די יודען רוהען, איז תמיד פאַררעכענט געווען אין דער וועלט פאַר אַ שטעדטיל אַ רוהיגס, אַ שטילס, יודען עהרליכע, צעבראָכענע, אַלטפעטערישע, זענען זיך דאָרט געזעסען, אויסגעטאָן פון דער וועלט, געגאַנגען זייער וועג, געאַרבייט אין דעם יודישקייט: זיך געיודעלט, געקינדעלט און מיט אַלע פירושים טאַקי אָבגעריכט גלות. זיי איז, ווי מען זאָגט, חוץ גאָט און ציצית נישט אָנגעגאַנגען די אַלע היינטיגע חכמות. אַ כפרה פון זייערט־וועגען אַלע ניי־מאָדנע פאַרלאַמענטען־סמאַרלאַמענטען מיט די פּאָליטי־קעס, דרשות, האַמפעררייען דאָרט, פאַר זייער קלויז, פאַר זייער אונטער־אויבען, און זייער באָד, להבדיל. אַ יוד אין גלות, איז דער שטייגער זייערער געווען צו זאָגען, בעדאַרף מוחל זיין אויף כבוד, נישט פעררייסען די נאָז, נישט קוקען אַרויף, אַ יודען אין גלות בעדאַרף זיין דער קאָפּ אין דער נידער ער איז מחויב איבערצוטראָגען אַלצדינג, הערען זעהן און שווייגען און אָט אַזוי האָט קאַבצאַנסק, זינט זי איז קאַבצאַנסק, געלעבט שען־פיין, שאַ־שטיל. וואָס גאָט האָט געגעבען, גוטס שלעכטס, האָט זי מקבל־באַהבה געווען; אַ פּאַטש אפילו, אַ שפּיי אין פּנים אויך

אָנגענומען פאַר ליעב; ביי איהר איז עס געבליבען — שאַ! און פלוצ־ לינג איז קאַבצאַנסק אַרוים פון די כלים, איבערגעביטען איז זי געוואָרען. חי שטיל דאָרט איז אַמאָל געווען, אַזוי רעש'ט זיך, קאָכט זיך אין איהר היינט, עפּיס גאָר אַ פייער־שפּייענדיגער באַרג, בעהיט זאָל מען ווערען — פייערט, שיסט, גיסט פּעך און שוועבעל, און דאָס געפילדער איהרס צו־ טראָגט זיך העט־ווייט. ניכער וואָלט מען זיך געריכט אויף גאָר אַ טויט, אַ מיתה משונה די שונאים, איידער הערעז פון איהר אַזוינע געהילדען, גאָר אַ שרעק.

און פון וואָס, ועט מען זיכער פרעגען, האָט אָט דאָס גאַנצע איבערקעהרעניש זיך גענומען? — אוי, אַ געלעכטער צו זאָגען, אַ געלעכ־ טער מיט גרינע ווערים! גענומען האָט זיך עס גאָר אין אָנהויב פון עפּיס אַ קליינינקייט, דערנאָך האָט זיך עס געקייטעלט איין מעשה אין דער אַנדערער, ביז ס'איז געוואָרען אַ גאַנצער באַרג, פון וואַנען ס'איז אַרויס דער גאַנצער גיהינום: לאַנגע צונגען פלאַם־פייערדיגע — קראַך־טראַך־ טאַראַראַך, קולות ביז אין דעם זיבעטען הימעל! נישמעהר, וואָס איז דאָ זיך צו וואונדערן, אַז אינגאַנצען העננט דער יוד אויף אַ האָר, שטעהט אויף משקולת. אַ מינדסט קליינינקייט ווירקט אויף דעם גאַנצען גאַנג פונ'ם יודישען לעבען. דאָס יודיש מזל איז שוין אַזוי, מ'שטיינס־געזאָגט. איבער אַ האָהן מיט אַ הוהן איז צעשטערט געוואָרען אַ שטאָדט טור־מלכא, און איבער אַ דעמבענע אַקס איז געוואָרען אַ תל פון ביתר. אַזוי איז די יודענס אַלטע געשיכטע און אַזוי אויך די געשיכטע זייערע די נייע. פון אַ גאָרנישט ווערט אַ טוסקאַט־קויל, פון שו־שו־שו יענעם אין די אויערען דונער־בליצט, און עס גיסט זיך אויס אויף זיי די תוכחה.

אוי, איבער אַ שטאָט איז מזרח־וואַנד איז אין קאַבצאַנסק היינט אַ בייזע מהומה!

* *
*

גאָך העט־העט, פון גאַנץ לאַנג, זינט עס האָט זיך אויסגעמוּערט די קאַבצאַנסקער גרויסע קלויז ביז אין די שפּעטערדיגע צייטען, האָבען פערנומען דאָרט אַ שטאָט אין מזרח־וואַנד די לייבעלעך. אַזוי האָט די גרעסטע, געהויבענסטע משפחה אין קאַבצאַנסק געהייסען אויף דעם נאָמען פונ'ם עלטער־זיידען, רב לייבעלע, זכרונו לברכה, — דער גגיד,

דער פּרנס=חודש, דער פיינע=בּריה אין דער גאַנצער קהילה, מיט וועל=
כען קאַבּצאַנסק האָט זיך שטאַרק מיחס געווען. די דאָזיגע שטאָט איז
איבּערגעגאַנגען בּירושה פון טאַטעס צו קינדער בּיז אויף לעצט צו רבּ
אליקום געציל'ן, עליו השלום, אויך אַ גרויסער פּאַרנעהם, אַ תקיף, אַ כּל=
ולך אין הויף בּיים דוקעס — דער פּריץ פון קאַבּצאַנסקער שליסעל און
נאָך אַנדערע גרויסע מאַיאָנטקעס. רבּ אליקום געציל האָט געהאַלטען
קאַבּצאַנסק פון דוקעס בּאַרענדע, און איז נתעשר געוואָרען. מען האָט
איהם געשאַצט אודאי אין אַ דריי=פּיער זעקלעך, חוץ זיין נחלה —
אַ שאַרפע פּריצישע איינפּאָהרהויז מיט בּעל=הבּתישקייט און אַ בּוידעם
מיט היי, וואָס אינאיינעם האָט עס בּסך הכּל געמענט בּעטרעפען אויף
טרפות שענע=גראָבּע עטליכע הונדערט קערבּלעך. יאָ, יאָ, ס'איז אַ סברא,
אַז נאָך אפשר מיט אַ שמיצעל אַריבּער! זיין רייכקייט, זיין גרויסקייט
איז געווען גאָר שלא כּדרך הטבע. היינו, וואָס הייסט גרויסקייט? —
גרויסקייט הייסט ניט דאָס אַליין נאָר, וואָס יודישע קינדער אין שטעדטיל
האָבּען פאַר איהם געהאַט דאָס ניין=יעהריגע קדחת, דרך=ארץ הייסט עס,
נאָר געקוואָלען אָנקוקענדיג זיין ליכטיג פּנים, משונה הנאה געהאַט פון
זיין ווילדער בּרייטקייט, ווי ער זיצט זיך, אַ שטייגער אויף זיין שטאָט
בּרייטליך, די גרויז=גרויע בּאָרד צעפּלאָסען, דער טלית מיט איין עטרה
פון פליטערלעך איבּער'ן קאָפּ, און שאָקעלט זיך אַ געוואַלד; ניין דאָס
איז נאָך גאָרנישט; פון יודענס דרך=ארץ האָבּען, איז אַמאָל גאָרנישט
געדרונגען. אלא וואָס דען, אַפילו גוים, להבדיל, זענען פאַר איהם די
כּפּרה געווען, נישט אַנדערש איהם גערופען ווי „נאַש אַלאַקום" (געציל
איז זיי שווער געווען אויסצורעדען). דער עקאָנאָם פון'ם הויף און אַמאָל
טאַקי אויך דעם דוקעס קאַמערדינער אין עפּים אַ מין טיזליק מיט
טרעסטען און מעשענע קנעפּלעך, פלעגען קומען שבּת, יום=טוב עסען בּיי
איהם פיש. פאַר פּסח פלעגט ער פון'ם הויף בּעקומען ווייץ אויף מצה
און אַ פּאָר אינדיקעס, אַזוי איז שוין עס געשטעלט געווען. בּיים אויסגע=
בּען די מיזינקע זיינע, איז זי, די כּלה הייסט עס, אויף מאָרגען נאָך
דער חופּה, געגאַנגען מיט די מחותנים און מיט די כּלי=זמר צום דוקעס
אין הויף. זי אַליין מיט איהרע כּשר'ע הענד האָט צוגעטראָגען דעם
דוקעס. אַ טאַץ מיט לעקעך און איינגעמאַכטס, מיט סטרודעל און מלכות=
בּרויטלעך. דער דוקעס האָט עס מיט אַ משונה=זיס שמייכעלע צוגענומען,
אַנידערגעלעגט אויפ'ן טאַץ אַ רויט=גילדענעם רענדיל, דרשה=געשאַנק
הייסט עס, עפּיס געבּעבּעט, אָנגעבּעבּעט אַ פולע קאָפּ, אויסגעמישט

קאָשע מיט מאָהן, אַלץ: חתע, חתע, פּאה'קעלע, ציצעלע, חוסיד, תלמוד, לאַפּסערדאַקלע, דער רוח ווייסט, וואָס ער האָט געמיינט. אַזאַ מין מזל=טוב ביי זיי איז עס, אַ פּנים. דערנאָך האָט ער, אָננעהמענדיג זי, די כּלה הייסט עס, ביים בּעקעלע, אַ גלעט געטאָן, איין מאָל און געזאָגט: פּיענקנאַ דיווטשאַטאַ! נאָך אַמאָל אַ גלעט, אַ קניפּ אין בּעקעלע, און צו רבּ אליקום=געציל'ן שוין שמייכעלדיג געזאָגט: האַרנאַ אַז טעבּי, לאַקום, צורקאַ! — אָט וואָס הייסט כּבוד, אָט וואָס הייסט גרויסקייט!...

נאָר נעָה טהו עפּים דעם רבּונו=של=עולם, אַז ער זיצט אויבען און דרעָהט דאָס רעדיל, טאַקי ווי אין דעם „ונתנה תוקף" דאָרט: מי ירום ומי ישפּל — ווער אַרויף און ווער אַראָבּ. בּעדאַרף זיך אין אַ צייט אַרום איבּערדרעָהען דאָס רעדיל, און רבּ אליקים געציל פּאַלט אַראָבּ, בּלייבּט אַ קבּצן, הייסט עס. יאָ, אַ קבּצן וואָלט נאָך געווען נישקשה, נימער ערגער, וקבּצנו בּיחד, גלייך מיט אַלע קאַבּצאַנסקער יודען, מיר נישט, דיר נישט, ווי זאָגט מען עפּים — עט, פּונדעסטוועגען לעבּט מען דאָך, בּרוך השם, אַבּיסעל נישט דערעסען, נישט דערטרונקען, מילא וואָס? בּע!... נישט צו פּערזינדיגען. מען שטערבּעט אָבּ דאָס לעבּען און מען שטאַרבּט גלייך מיט לייטען. ניין, נישט אַ קבּצן בּפּשטות איז ער געבּליבּען, נאָר אַ קבּצן מיט מכּות, מיט חובות. אייגענטליך איז ער נישט געבּליבּען, וואָרום ער איז גאָר לכתחילה נישט געווען קיין עושר, ווי מען האָט געמיינט. גלאַט, קאַבּצאַנסק האָט איהם אַיינגעוויגט פּאַר אַ נגיד, געהייבּען אויף דרוקעס, האָט ער, ווי דער שטייגער איז, זיך געמוזט האַלטען. קאַבּצאַנסק האָט געלוינט מאַכען איהם בּיי זיך פּאַר אַ גביר כּדי צו נעהמען בּיי איהם נדבות, און ער, נעבּעך, אַז אָך און וועה צו איהם, האָט געמוזט געבּען. עס טרעפט זיך אַמאָל צווישען יודען אַזוינע זאַכען. דער סוף איז געווען ווי געוועָהנטליך — יבש! בּמזומנים נישטאָ קיין גראָשען, איינגעטונקט אין חובות, פּאַר דער אַרענדע אַ צייט=לאַנג נית געצאָהלט קיין ראַטע, פּאַר בּראַנפען דעם פּריץ קומט אויך. הכּלל, עס קומט, קומט, מען מאָנט, מען פּאָדערט. און דער ענטפער זיינער איז, ווי עס הייסט געוועָהנליך בּיי סוחרים — קוממיות! רבּ אליקום געציל מיט זיין גוט האַרץ האָט עס נישט געקענט איבּערטראָגען, זיך פּאַרעסען און געשטאָרבּען. דער פּריץ האָט פּאַר די חובות צוגענומען זיין הויז, געלעגט אַ אַרעסט אויף די חפצים, אויך אויף דער שטאָט זיינער אין מזרח=וואַנד. דאָס הויזגעזינד רבּ אליקום=געציל'ס האָט זיך צושלעפּט, דער אַהין, דער אַהער — אוים לייבּעלעד!

די שטאָט שטעהט לעדיג, נישט בעזעצט, זעהט אויס ווי א וויסטע
אַלמנה, ליעב איז זי איטליכען טאַקי, ליעב און טייער, צום הארצען;
נאָר וואָס טהוט מען אָבער מיט דעם פּריץ? ער איז, ווי איטליכער
מאַגנאַט, א שטיקעל קאַפּריז, ווי איטליכער שררה אַביסעל משוגע — עס
ווילט זיך איהם זיין א בעל־הבית פון א שטאָט אין א יודישען מקום־
קדוש! — אוי, ווי שטאַרק וועה עס טהוט דאָס יודישע הארץ זעהענדיג,
אז יענעם אָרט, וואו עס זענען געזעסען פריהער אַזוינע לייבעלעך, אַזא
רב אליקום געציל, וואָס ממש די שכינה האָט אויף איהם גערוהט, געהער
אַצינד דעם פּריץ! אַז א פּריץ מישט זיך אַמאָל אריין, ווען עס קומט
איהם אָן דער שגעון, אין אתה־הראתה, אין הקפות און ביים אויסוועהלען
נבאים. א וועהטאָג איז דאָס אודאי א גרויסער, נאָר בעפרייען זיך פון
גלות, אויסלייזען פון פרעמדע הענד די שטאָט צוגלייך מיט דעם מקום
קדוש, דערצו האָט זיך געפיהלט דער קאַבצאַנסקער עולם צו שוואַך,
צו אָרים, און פערלוירען כמעט די האָפנונג.

צוויי פּאַרשוינען נאָר, ווי עס האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזען,
האָבען געהאַט א אויג אויף דער שטאָט, קומען צו איהר, איטליכער אויף
זיין דרך — איינער איז רב שמעלקי, דער אַנדערער — חייקיל חיים —
צוויי נישט קיין גלייכע מענשען, איינער מיט דעם אַנדערען קידער־ווידער
ווי צוויי קעץ אין איין זאַק.

רב שמעלקי געהער צו דעם סאָרט נפשות, אויף וועלכע עס שיקט
זיך צו זאָגען, אַז זיי זענען צווישען אונז מענשען דאָס אייגענע, וואָס
אוגערקעס, א שטייגער, צווישען דעם גאָרטענוואַרג. עס טהוט זיך א וויז
פריהמאָרגענס אין גאָרטען דאָרט, וואו נעכטען האָט מען גאָרנישט בע־
מערקט, א גרויסע גרינע אוגערקע, עפּיס פלוצלים, גאָר אומגעריכט־
אוגערקעס, אַזוי הייסט עס, וואַקסען ביי נאַכט, אַז עס זעהט
נישט קיין אויג — און אַזוי אויך די פיינע בריות. איינער עפּיס א יודעל,
א שמעלקי פונ'ם געמיינעם קאַבצאַנסקען עולם, ווער האָט איהם געהערט,
ווער האָט איהם געוואוסט, איז פלוצלים פון דער ערד אַרויסגעקראָ־
כען — און מזל טוב דיר, קאַבצאַנסק, מיט דיין אוגערקע, מיט א ניי־
אויסגעוואַקסענעם רב שמעלקי! מאַך שהחיינו.

רב שמעלקי — ער האַלט עס היינט די קאַבצאַנסקער אַרענדע,
איז א פאַקטאָר אין הויף, א מאַכער אין שטאָדט און שטאַרק געהייבען.

דאָס חשיבות פון רב שמעלקין איז, וואָס ווי שטומפּיקליך ער איז
אויף דער עברי, נישט קיין געלערענטער, אַזוי א שאַרפער, א גרויסער

פרומאַק אי ער, אַזאַ מאמין ווי ער איז נישטאָ אין דער גאַנצער וועלט זיין גלייכען. ער גלויבט אין אַלצדינג, וואָס נישט פאַר זיין שכל. — גלויבט אין נאָט און אויך אין רוחות, גלויבט אין חלומות, אין נסים, אין כשוף און אָבשפּרעכענישען. אויך די מעלה מוז מען איהם נאָכזאָגען, אַז ווי גרויס ער האַלט זיך פאַר קליינע, אַזוי קליין האַלט ער זיך פאַר גרויסע; ווי שטאַרק ער שטעהט פאַר אַ פּיצעל כבוד דאָ אין שטעדטיל, אַזוי איז ער מוחל אויף זיין כבוד דאָרט אין הויף, אַ שטויגער: לאָז מען זיך שפּעטען פון איהם וויפיעל דאָס האַרץ גלוסט, מאַכט איהם נישט אויס; און ווי אַ בריה ער איז צווישען דאָס זייניגע מיט דער צונג, אַזוי נעהמט איהם דאָס לשון, ציטערט פאַר דעם פּריץ'ס אַ בליק.

רב שמעלקי, אַ שטיינער, האָט, זינט ער איז אַ רב שמעל שטאַרק חשק צו די לייבעליכעס שטאָט, ווייסענדיג ביי זיך זעהר גוט אַז דורך דעם וועט ער ווערען געהויכט. ווי באַלד ער בעזיצט די שטאָט אין מזרח, האַרט נעבען אָרון־קודש, קרוינט ער זיך שוין מיט אַ פיינזילבערנער עטרה אויפ'ן טלית, בעקומט ער שוין מיט רעכט, לכל־הדעות, די בעסטע עליה, ששי, און צוגלייך דערמיט דעם טיטעל מורנו — אַזעלכע זאַכען, וואָס קיין בעסערס, קיין העכערס דערפון איז ביי יודען מעהר נישטאָ. נאָר בעטראַכטענדיג זיך, אַז דער בעל־הבית פון דער שטאָט איז דער פּריץ, איז איהם באַלד טאַקי פערגאַנגען דער חשק און האָט אַראָבגעלאָזט די נאָז. אין דעם עולם'ס אַ שמועס אַמאָל: „געוואַלד, רב שמעלקי! ווען וועט שוין אונזער מקום קדוש אַרויס פון גוי'אישע הענד" — פלעגט רב שמעלקי מיט אַ פרום זיפצעלע ענטפערן: וואָס קענען מיר טאָן? וואַרט, ברידערלעך, ביז השם־יתברך וועט רחמנות האָבען, טאָן אַ נס, האַפט זיך נאָר נישט פאַר דער צייט...

יאָ, רב שמעלקע איז אַ אונערקע, אַזעלכע, וואָס וואַקסט אויס סוף זומער, בשעת אויף נאָטס וועלטיל רוקט זיך אָן דער גלות פונ'ם ווינטער, זי איז געל, קרום, געבויגען נישט ווי אַ אונערקע בעדאַרף זיין, האַרט, ביטער אויסגעטריקענט, אָהן אַ קאַפּעלע זאַפט!...

אַקענען אַזאַ געלער, פוילער אונערקע, ווי רב שמעלקי, איז אַ שען־פריש קאַרפירער אתרוג'ל חייקיל־חיים פון דער נייער שטאָדט — אַזוי הייסט יענער קליינער טייל קאַבצאַנסק, וואָס אויף יענער זייט

בריקעל, וואו די לופט איז אַ ביסעל פרייער, די אײַנוואוינער דאָרט אַ ביסעל נישט אַזוי... בײַ זיי, הייסט עס, איז אויך רעכט אַ ביסעל עולם הזה. אַלט־קאַבצאַנסט קוקט אויף זיי פאַרדרעהענדיג אַביסעל די נאָז, עפּיס, דאַכט זיך איהר, ס'איז אַביסעל גראָבליך... דאַכט זיך, דאָס... יודישליך און פאָרט עפּיס נישט דאָס... דאָס שיינדיל פון דער נייער שטאָדט, אָדער ווי זי הייסט ניי־קאַבצאַנסק, איז געווען חייקיל־חיים. דאָרט איז ער געבוירען געוואָרען בײַ זיין טאַטען, עליו השלום, וואָס איז געווען אַ יוסטער בעל־הבית, אַ קרוב מיט די לייבעלעך. דאָרט איז ער אויסגעוואַקסען, חתונה געהאַט און געוואוינט ביז דער איצטיגער צייט. ער בעדאַרף אַלט זיין היינט אַקעגען אַ פערציג יאָהר. אַ מישלם איז חייקיל־חיים, טאַקי ווי מען זאָגט, מיט אַלע מעלות. וואָס, ווילט איהר, קען ער נישט? ווילט איהר לערנען, איז ער געלערענט; ווילט איהר לשון, איז לשון, אָבער אַזוי מליצה'דיג, טיעף, ווי הייסט עס עפּיס היינט, פסיכאָלאָגיע; טיעף מיט אַלע קונצען אין דער נשמה אַריין. ווילט איהר פּאָליטיקע, איז פּאָליטיקע, און ווילט איהר אפשר חקירה, איז אויך חקירה. הכּלל, ער איז אַ בעל־מוח, אַ מושלם! פונדעסטוועגען האָט אַלט־קאַבצאַנסק איהם דאָס מוחל געווען און שטאַרק געהאַלטען פון איהם פאַר זיין גוט הארץ, פאַר זיין שענער בענעהמונג און צוגעלאָזטקייט צום קלענסטען אפילו. בעזונדערם האָט איהם אַלט־קאַבצאַנסק ליעב געקריגען זינט ער האָט זיך צו איהר איבערגעקליבען, פונ'ם נייען בית־מדרש דאָרט זיך איבערגעטראָגען צו איהר אין דעם אַלטען. פאַר וואָס ער האָט זיך איבערגעקליבען? דערויף איז דאָ אַ סך ממרות, נאָר וואָס מאַכט עס אוים, צום עסק געהער זיך עס כּלל נישט אָן, ער האָט ליעב אַלט־קאַבצאַנסק, אַלט־קאַבצאַנסק האָט ליעב איהם — און, ווי אַ ליטוואַק אָגט פּטור!

די קלויז האָט אויפגענומען חייקיל־חיים'ן בײַ זיך אונטער־אויבען. די אַלע אַנדערע געהייבענע שטעט דאָרט זענען נישט געשטאַנען לעדיג, נאָר דער אונטער־אויבען איז אויך נישקשה. ער האָט זיך עפּיס זיין בעזונדער מין חן. ציהט צו זיך צו נאָר טאַקי ווי אַ מאַגנעט. דאָרט איז געוועהנטליך אַ מקום־מנוחה פאַר איידעלע מענשען פונ'ם בעל־הבית'ישען שטאַנד, וואָס האָבען ליעב זיך צו וואַרמען, אַריינקוקען אין אַ ספר, מיט אין דער גמרא דאָרט, וואו מען בעדאַרף צולענען מוח, נאָר אין אַגדתות, אין מדרש, וואו עס ווערט דערצעהלט וואונדערליכע

זאכען, חידושים ונפלאות, פון װעלכע עס װערט עפּיס װאַרים, גריטע אויף דער נשמה. דאָרט, אונטער־אויבען, הייסט עס, רעדט זיך עפּיס געשמאַק, מיט אַפּעטיט; עס פיהלט זיך אין איטליכען שמועס, אין יענעמס אַ װאָרט עפּיס נאָר אַ בעזונדער מין טעם. חייקיל־חיים מיט זיין געשליפען צינגעל, מיט זיין בריה־שקייט איז פאַר זיי געװען סחורה, חי׳ געװאונשען. פון איהם פלעגען זיי הערען אַמאָל אַ פרישׁ װאָרט, אַזוינס, פון װאָס פריהער האָט זיך זיי אפילו נישט גע׳חלומ׳ט. ער האָט מיט זיינע מעשיות זיי איינגעגעבען שכל, צוגעגעבען מוטה, אריינגעזעצט אין זיי פשוט אַ נייע נשמה. די רעדלעך מענשען ארום איהם. זענען פון טאָג צו טאָג געװאַקסען, מען האָט זיך פשוט מחיה געװען הערענדיג עפּיס אַ גוט װאָרט. נישט אומזיסט האָט ער געהייסען מכלכל חיים. ער האָט אריינגעטראָגען אין דעם אַלט־קאַבצאַנסקער עולם אַ נייע װעלט מיט אַ ניי לעבען. בידנע, דערשלאָגענע קאַבצאַנסקער ברידערלעך, זיי האָבען, נעבעך, ערשט דערפיהלט, אַז זיי זענען אויך מענשען, אַז זייער נשמה איז אויך נישט פון קליאַטשע!

און מיט אַזעלכע מענשליכע געפיהלען װי שטאַרק ביטער זיי האָט געמוזט זיין, אפשר הונדערט מאָל נאָך ערגער װי פריהער, צװעהענדיג, אַז דאָס שטיקעל מקום קדוש, דער איינציגער טרייסט זייערער אין לעבען, דאָס איינציגע אָרט, זייער היים, זייער אַלץ־מיט־אַנאַנדער, װאו אויסצװויינען זיך אַמאָל, װאו אויסצוגיסען זייער הארץ פאַר דעם פאָטער אין הימעל — אַז דאָס דאָזיגע מקום קדוש, דאָס חיות זייערע, איז אַצינד אין די הענד ביים פּריץ, װאָס מאַכט זיך דערויף אַ שפּיל, אַ געשפּעט, טהוט דאָרט װאָס ער װיל, װי עס קומט איהם אָהן דער שגעון; ער איז דאָרט, אַז אָך און װעה, דער בעל־הבית, און זיי עפּיס טאַקי נאָר װי איינגעבעטענע געסט — אַ גלות, װאָס איז שװער צו דערליידען!

ביי אַנדערע װעט די גאַנצע דאָזיגע זאַך זיין אפשר אַ געלעכטער, נאַרישקייטען, פון װאָס, משטיינס־געזאָגט, מען האָט דאָ צו רעדען! נאָר לאָזען יענע איבערקומען אויפ׳ן קאַבצאַנסקער עולמ׳ס שטאַנד, װיסען, װאָס הייסט אַזוינס עלענד, נויט, אָבהענגען איננאַנצען פון אַ פּריץ, אַ קאַפּריז; װיסען װאָס פאַר אַזעלכע, נעבעך, הייסט אַזוינס אַ מקום־קדוש, — אוי, װאָלטען זיי דענסטמאָל געפיהלט, גערעדט, נישקשה, אַנדערע װערטער!

חייקיל־חיים האָט גוט געפיהלט די מיאוסע קאַבצאַנסקער לאַגע, ער אַליין איז דאָך, אין גרונד גענומען, אויה אַ קאַבצאַנסקער, און ליגט

פּיס זיי אינאיינעם, ווי מען זאָגט, אין קוואַס. ס'איז איהם געווען אַ בושה, אַ חרפּה, אַ ווענהטיג, זיין אַזוי מיאוס דערנידעריגט, לאָזען זיך טרעטען ווי אַ וואָרים אונטער די פיס, קריכען, זינגען דעם פּריץ „מה-יפית" — ניין, אַזוינס איז נישט פאַר איהם! ער האָט זיך אַריינגענומען אין קאָפּ, נישט אַנדערש טאַקי ווי בעפרייען דאָס מקום-קדוש. לאָז מען חאָטש האָבען דאָ בּיי זיך אַ שטיקעל מנוחה, נישט זיין צו שאַנד און שפּאָט.

איינמאָל, חנוכה, ווען יודישע קינדער מענשלען זיך, נעהמען זיך איבער מיט די גבורות און מלחמות פון זייערע גבורים פאַרצייטענס, זאָגען בעהאַרצט על-הנסים, שפּילען אין דריידיל, אין דער האָפנונג, אַז זיי וועלען נאָך, נישקשה, מיט דעם אויבערשטענס ניסים דרעהען וועלטען — דענסטמאָל, אַז חייקיל-חיים האָט, אַריינגעלאָזען זיך אין אַ ברייטליכען שמועס איבער חנוכה, געגעבען דעם עולם צו פאַרשטעהן, אַז ניסים זענען זיך ניסים, פונדעסטוועגען טאָן בעדאַרף אַ מענש טאַקי זיינס, און ווען די חשמונאים זאָלען נישט געווען אָנהויבען די מלחמה מיט דעם שונא, וואָלט דער נס פון חנוכה נישט געקענט זיין,— איז ער אָט פונ'ם דאָזיגען שמועס אַרויף אויף דעם קאַבּצאַנסקען מקום-קדוש, וואָס איז אין פרעמדע הענד, און בעוועגט דעם עולם, פּריוועט זיך טאָן וואָס נאָר מעגליך, אַז זיי זאָלען זיין די בעלי-בּתּים דאָרט. — איך פון מיין זייט, האָט ער געזאָגט, בין גרייט צו טאָן אַלצדינג, נישט שפּאָרען קיין מיה, קיין צייט, אַבּי ווילט איהר נאָר, עס זאָל קיין מניעה נישט זיין פון געלד. די האָניג-זיסע ווערטער זיינע האָבען זיך איהם געגאָסען פונ'ם מויל גלייך די קאַבּצאַנסקער אין האַרץ אַריין. די זאַך איז אַריין אין טעם, וואָס ווייטער, ווייטער זיך פערברייט, ביז לסוף האָט געקלונגען מיט איהר גאַנץ קאַבּצאַנסק.

רב שמעלקען איז די דאָזיגע זאַך געווען ווי אַ מעסער אין האַרץ, עס האָט איהם געשטאָכען ביז אין דער זיבענטער ריפּ. פאַר וואָס? ערשטענס, דערפאַר וואָס איטליכער גראָבער יונג, דערצו נאָך אַ פּרומאַק, האָט אמת פיינט אַ מענשען אַ איידעלען, אַ געלערנטען. דער גאַנצער טהוער דרינען איז דאָך חייקיל-חיים, וועלכען ער קען נישט אָנקוקען צווייטענס, דערפאַר וואָס חייקיל-חיים קען מיט דער צייט זיך דערשלאָגן צו די לייבעליכעס שטאָט, און דעם כבוד האָבען ווילט זיך דאָך איהם אַליין דריטענס, דערפאַר וואָס איז אַ מורא אַיינצורייסען מיט דעם פּריץ, ער קען ברוגז ווערען און דורכדעם זאָל עס איהם, חלילה, שאַדען צום עסק, צו דער אַרענדע. און פערטענס איז נאָך פּשוט,

דערפאַר וואָס אַ רב שמעלקע מוז זיין תמיד דערווידער; וויל יענער אַזוי, וויל ער דוקא פאַרקעהרט; זאָגט יענער „יעהופעץ". זאָגט ער אויף־צו להכעיס „בויבעריק"... פונדעסטוועגען האָט רב שמעלקע זיך דע־רויס כלומרשט גאָרנישט געמאַכט, אַלץ געזאָגט ווערטלעך, געפרעגט קשיות מיט אַ שטעכעדיג שמייכעלע, אַ שטייגער אָט אַזוי:

— ווילט איהר, הייסט עס אַ פנים, ווי פריהער פאַליינגעווען אין מקום־קדוש, פאַרגעסט זשע נישט, מיינע ליעבע יודען, אַז די שטאָט דאָרט געהערט דאָך פאָרט דעם פריץ.

— מילא, וואָס זשע איז? — ענטפערט מען איהם פונ'ם עולם — דער פריץ האָט דאָך זי אין האַנד פאַר חובות, נו וועט מען זי אויסלייזען.

— און געלד, מיינע ליבע יודען? ווער וועט עס געבען געלד, אפשר אַייער מכלכל חיים?

— נישקשה, רב שמעלקי! געלד וועט זיין, לאָז נאָר קאַבצאַנסק וועלען.

— קאַבצאַנסק! אַ געלעכטער, כ'לעבען, זעהט איהר – אויף צו נעהמען, אָך, איז דאָ אין קאַבצאַנסק, אָהן עין־רע, זעהר פיעל בעלנים! נאָר לאָז זיין אפילו אַזוי — אויסלייזען, געלד איז דאָ, וועט דען, פרעג איך אַייך, קאַבצאַנסק אַ סך דערפון אַרויסקומען? גאַנץ קאַבצאַנסק אין מזרח־וואַנד וועט דאָך נישט אַרויפקריכען, היינט צו וואָס, נאָך אַמאָל פרעג איך אַייך, זאָל...

— שאַ, לאָזט זיך דינען, רב שמעלקי! פאַלט איהם אַריין אין די רעד איינער פונ'ם עולם; דאָ נעהט נישט מעהר, פאַרשטעהט איהר, ווי אין דעם פינטעלע, אין דעם יודישען פינטעלע. יודישט מען די שטאָט, דאָס הייסט זיצט ווידער אויף איהר אַ יוד, געווינט דורך דעם גאַנץ קאַבצאַנסק זעהר פיעל. זי ווייס דענסטמאָל, אַז זי האָט אַ מקום־קדוש, און דאָס אַליין וועט איהר צוגעבען אַ שטיק געזונד, פרישע קרעפטען און שטאַרקען דעם גייסט. חי וועט הייסען געלעבט!

— פששש! — מאַכט רב שמעלקי, פאַרקרימענדיג זיך מיט אַ זויערע מינע, — אוי, וועט זיין חי געלעבט, אוי, וועט מען וויסען וואָס הייסט אַזוינס דערדרגזנ'ען אַ פריץ!

מעהר האָט רב שמעלקי נישט געזאָגט; ווי עס האָט זיך אַרויסגע־וויזען שפּעטער, האָט ער מעהר טאַקי געטאָן ווי גערעדט.

אַי, האָט זיך עס פון יענער צייט אָנגעהויבען טאָן, טאָן!..

זומער איינמאָל אין דער פריה, אַז דער קאַבצאַנסקער עולם איז מיט די טלית־און־תפילין־זעק גענאַנגען פריי צושפּילעט, די הערצער אָפען אַקעגען דער זון, משונה הנאָה האָבענדיג, ווי זי באַקט, וואַרעמט גאָר מחיה; געזעהען פאַר זיך גאָטס שען וועלטיל: בוימער, גרינס, געוועקס, אָבשאַצענדיג ביי זיך אין געלד די סחורה, דאָס גערעטעניש, הייסט עס, אין גאָרטענוואַרג: ציבעלעס, רעטיך, קאַרטאָפעל, וואָס וועט, געלויבט דער אויבערשטער, זיין היינטיגס יאָהר, — מיט אַ־מאָל הייבען זיך אויף פון עק גאַס זיילען שטויב, עס לאָזט זיך הערען אַ רעש, אַ געפּילדער: מע, מז, מע־ע! ערשט וואָס? דאָס מעקעט־מוקעט, לויפט הונגעריג, פערשמאַכט די־טשערעדע בהמות צוריק פונ'ם פעלד, גאָר פלוצלים, נישט אין דער געוועהנליכער צייט. עס ווערט אַ ליאַרעם, אַ געשריי, אַ בייז וואונדער: האַ, וואָס איז? און דער עולם בעקומט באַלד טאַקי די פינסטערע בשורה: אוי וועה! דער פריץ וויל מעהר נישט לאָזען פיטערן זיך ביי איהם אויפ'ן פעלד די יודישע בהמות ווי פריהער

שלעכט, גאָר ניט קיין גוטער משא־ומתן!... לויפט מען דאָך מסתמא אין הויף צום אָדון הגדול, וויינען, בעטען. איז אָבער צום פריץ נישט צו־צוטרעטען, מען לאָזט נישט אויף דער שוועל. פאַלט מען אַריין מיט אַ געבעט צום עקאָנאָם: טאַטעניו, האַרצדיגער, העלף! זאָגט ער: יודעלעך־יודלאַקעסלעך, ניין! — שרייט מען: אוי, נשמה'ניו, ליובעניו, פאַר וואָס? — ענטפערט ער: דער פריץ איז בייז. איהר יודעלעך־חאַלאַמייעלעך, האָט ער געהערט, ווילט איהם פערטרייבען פון דער שטאָט. — איז מען, ווי דער שטייגער איז, איהם מטמא, אַריינשטעקענדיג איהם אין דער האַנד אַ מטבע. — נאַ, טאַטעניו, נשמה'ניו, געהם! ער זאָל חאָטש בגנבה לאָזען יודישע בהמות זיך פיטערן ערגעץ־וואו און אַוועקקוקען, צומאַכען די אויגען. די מטבע נעהמט ער — ער איז בטבע נישט קיין שלעכטער מענש — און באַלד טאַקי בעט ער ווייטער. — הכלל, ס'איז נעמאַטערט, עס קומט אָן, שונא ציון, מיט ווערים.

און געשטעקט אין דערמיטען, ווי מען איז זיך דערגאַנגען, האָט רב שמעלקי, דאָס איז געווען זיין מלאכה.

אָט דענסטמאָל, איז אַרויס דאָס פייער — אַ כעס, אַ צאָרן, אַ מחלוקת, און קאַבצאַנסק ווערט צוטיילט אין צוויי מחנות, אויף מעסער־שטעך איינע מיט די אַנדערע.

די פון חייקיל־חיים׳ס חברה־לייט, אָדער ווי זיי הייסן דאָרט מכלכל־חיים׳ניקעס, שווייגען נישט אין זייער זאַך: — זיי פּייערן יענע, פון רב שמעלקעס לייט, שמעלקעניקעס, הייסט עס, בעלי־בתּים פּראַקטישע, וואָס די פּרנסה זייערע איז פון דעת אַרענדע, שווייגען אויך נישט, — פּייערן.

און צווישען די צוויי פּייערן זענען צו־ערשט געשטאַנען די קאַבצאַנסקער בהמות, און דערנאָך, — אַ ביטער רחמנות, נעבעך, — די קאַבצאַנסקער כּלי־קודש.

מילא, בהמות זענען בהמות, קיה הייסט עס, שטילע בּרואים מיט דרך־ארץ. פון זיי, אַז זיי האָבען אַמאָל געהונגערט, געהינעט אין דער היים, איז נאָך געווען צו דערליידען, ציגען אָבער, שקצים, ווייסע־חברה׳־ניקעס, אַז זיי געהען נישט אין חדר, אין פעלד הייסט עס, קעהרען זיי אַ וועלט און זענען פול אין אַלע ווינקעלעך. מען בעדאַרף וויסען, אַז אין קאַבצאַנסק איז דאָ אַ גרויסע עדה ציגען, ווי באַלד זיי איז נישט דערגאַנגען אַמאָל אין דער קישקע, האָבען זיי אָנגעטאָן מעשים — געשפּרונגען אין די גערטנער, געקראַכען וואו מען בעדאַרף נישט, געחאַפּט אין מאַרק פון די מולטערס און אויפגעוויגעלט אַ קעגען זיך אַ שטאָדט מיט מענשען און מיט הינט, להבדיל. וואו ערגעץ אַ הונד האָט געפּעגט אַ מויל, געבילט, געהאַוקעט, זיך געלאָזט הערען ווייט איבער די גאַסען. די שטאָדט איז געווען אויף, פשוט נישט אויסצוהאַלטען. מען געהט אַרום דול אָהן קעפ און מען איז גערן ווי מעגליך פון דער צרה פּטור צו ווערען. — אָט דאָ הויבט זיך אָן אַ מעשה מיט געלד, די אַלטע מעשה מיט צונויפנעהמען ביים עולם געלד! און מיט צונויפנעהמער האָט מען, ברוך השם, קיין דאגה ניט, הלואי אַזוי פיעל געלד, וויפיעל צונויפנעהמער עס זענען דאָ. די נעהמען צונויף געלד פאַר דעם עקאָנאָם מיט די בעדינטע אין הויף, לאָז מען האָטש האָבען אַ חיי שעה, אַ רוהיגע מינוט פון די הונגעריגע בהמות; יענע נעהמען צונויף אויסקויף־געלד פאַר דעם פּריץ, און נאָך אַנדערע נעהמען צונויף גלאַט אַזוי געלד, אויף הוצאות, הייסט עס. יודען, זאָגט מען, ניט געלד! פון איטליכם בהמה אַזוי פיעל און אַזוי פיעל...

ערגער נאָך פון די בהמות איז געווען, נעבעך, די כּלי־קודש: רבנים, חזנים, שמשים, שוחטים, אַ שטיינער, זיי איז געווען ביטער און פינסטער פון אַלע זייטען. סיי־ווי־סיי, וואוהין זיי זאָלען זיך נישט קעהרען, ווענדען, וועט ברענען אויף זיי אַ פּייער פון דעם אָדער פון

יענעם צד. ביידע צדדים זענען צו'להכעיס'יקעס, טהוען אין דער גאל אריין איינער דעם אנדערען. פאר גרוים פארכט און איבערטראכטעניש האבען זיי, די כלי-קודש הייסט עס, ווי די צודולטע זיך געחאפט, אליין נישט רעכט צו וויסען, אויף וואס פאר א וועלט זיי זענען, און מקיים געווען אלצדינג: א שמעק דא, א שמעק דארט, א שאקעל מיט'ן קאפ דעם, א שאקעל מיט'ן קאפ יענעם, א שפרונג אהין, א שפרונג אהער, און א שפרונג-אב צוריק — נישט אהין און נישט אהער. אלצדינג האבען זיי געטאן, זיך געשטרעקט, ווי מען זאגט, אין אלע עקען — און זענען, נעבעך, אומגעקומען, געווארען קדושים, א שענע ריינע כפרה פאר יודישע קינדער! עס רעש'ט זיך קאבצאנסק, און דאס מחלוקת דארט וואקסט, וואקסט!

דען כפי ס'איז בעקאנט, מאכט זיך נישט אין דער וועלט קיין זאך, וואס זאל נישט מיטברענגען מיט זיך צוגלייך איהרע געוויסע בעשעפענישען, און צו דינען זיי פאר א מיטעל צום לעבען. אין א בלאטע, א שטיינער, האלטען זיך טייפעל! אין א קאליזשע — זשאבעס; וואו אומריינונקייט — שווייבלען-גריבלען אלערליי מיני שרצים, און וואו קריעג, מחלוקת — שפראצען, קומען אויף מענשלעך אזוינע, דער שווארץ יאהר ווייסט ווער זיי זענען, וואס ציהען דערפון די פרנסה בכבוד, זענען שטארק אין דער מאדע און גילטען ביי אלע נאראנים.

אט אזוינע מענשעלעך, אזעלבע מאדנע נפשות, עפים נאר נייע מיני כלי-קודש, זענען ארויפגעשוואומען אויך דא, אין קאבצאנסק בשעת דער מהומה, געווארען רעדעל-פיהרער און זיי האט געטייגט צום עסק אונטערצובלאזען דעם פייער, די שנאה זאל וואקסען. זייענדיג לפנים הייסע חסידים חייקיל-חיים'ס, האבען זיי געמיינט ביי זיך, איהם צו פיהרען ביי דער נאז, ער זאל ביי זיי זיין ווי דער בער ביים ציגיינער, וואס פידרט זיך מיט איהם ארום פון שטאדט צו שטאדט, שפילען די קאמעדיע, זינגען, טאנצען — און מאכען די קאפיקע.

— קומט, חברה — האבען די מענשעלעך געזאגט — קומט, לאמיר נעהמען קאבצאנסק אין אונזערע הענד אריין

קאבצאנסק האט עס דערהערט, און זי פערצאפעלט געווארען! עס האט אין איהר געקאכט און גערוישט ווי אין ים בשעת א שטורמווינד. פון ביידע מחנות זענען ארוים גבורים אויף א מלחמה איינע אקעגען די אנדערע — און די ערשטע הייסע פייערדיגע פעטש זענען געפלויגען אין קלויז איבער גבאות... פון דארט זענען זיי געפלויגען ווייטער,

ווייטער, א שרעק! א קאַטאָוועס עפּיס אַז יודישע קינדער צושפּילען זיך די געבליטען, דענסטמאָל הערט מען נישט א וועלט, לעגט מען נישט קיין כבוד אויף יונגע אויף אַלטע, קינדער אויף טאַטעס, איין עם־הארץ שעהמט זיך נישט צו זאָגען א דעה אין לערנען!...

פּעטש זענען געפלויגען און פליהען נאָך עד היום, — און די קאַבצאַנסקער יודען אַז אָך און וועה צו זיי, האָבען טאַקי, נעבעך, א פּנים ווי די אויסגעפּאַטשטע!

די זאַך גופא, פון וועלכער די אַלע קריעג האָבען זיך גענומען, האָט שוין נישט אַזוי אויסגעמאַכט, גלאַט דאָס קריגען זיך אַליין איז געווען א געשעפט. ביי א טייל געהט עס איינגאַנצען נישט מעהר ווי אין נצחונות. עס מעג זיך זיין וואָס עס וויל, אַבי ווייזען יענע, ווער עלטער ער איז. פון גערעכט — נישט גערעכט, פון יודישקייט — נישט יודישקייט, קענען — נישט קענען — איז דאָ ניט די רעדע, דער עיקר איז אויספיהרען. און ווידער ביי א טייל, ביי יענע מענשלעך, א שטייגער, געהט עס נישט מעהר ווי אין דער פּרנסה, דערוויל איז עס דאָך א עסק — הו־האַ! א לויפעניש, א פליהעניש אַהין, אַהער, א שריי־בעניש, א שושקעניש, און דערלעגען צום פאָלק ישראל, נישקשה, דער־לעגט מען נישט, אָך, מען מעג איהם, אודאי, ליעב האָבען...

די אַלטע כלי־קודש, זאָלען זיך מיהען, האָבען דאָך אויך ליעב געהאַט דאָס פאָלק ישראל, געקרעכצעט אויף גלות השכינה. נאָר די היינטיגע קאַבצאַנסקער נייע כלי־קודש האָבען איהם ליעב און קרעכצען אויף גלות השכינה טע־טע־טע, נאָר אויף דער נייער מעטאָדע... היינטיגע זענען נישט קיין פּאַרוויינטע נשמות ווי די אַלטע. היינטיגע זענען גרויסע בעלי־בטחון'ס. אין הארצען מעגען זיי זיך ווייסען, אַז ס'איז פע, דאָך מאַכען זיי א פרעהליכע מינע, זענען תמיד אויפגערוימט מיט שיינע־דיגע פּנים'לעך, פּערזיכערען, אַז זייער צד איז געהויבען, עס וועט, אם־ירצה־השם, זיין רעכט — לאָזען, הייסט עס די שמעלקעניקעס צופּוקעט ווערען!

ס'איז א פּוקעניש, א צוועצעניש, ביידע צדדים זענען אָנגע־צונדען, לעגען־צו קנוטלעך איינער דעם אַנדערען, און קאַבצאַנסק קאָכט.

אינמיטענדרינען, ווי דאָ טהוט זיך אַזוינס, העכערט דער פּרייז דעם צינז פון די קאַבצאַנסקער הייזער, א צעהן מאָל מעהר ווי פריהער. און לאָזט מודיע זיין די בעלי־הבתים מיט דעם הארבען וואָרט, אַז ער

וועט אײַנגעבן פּאָרמאַלנע וואו מען בעדאַרף, אַז מען זאָל יענע, וואָס ווילען ניט צאָהלען וויפיעל ער האָט געשטעלט, אַרויסטרייבען פון זייערע הייזער, וואָס שטעהען אויף זיין גרונט. עס ווערט אַ גערודער, אַ קאָכעניש אין דער גאַנצער שטאָדט:

— גוואַלד, רבונו של עולם, ס'איז דאָה נישט אויסצוהאַלטען, ס'איז שוין איבער די כחות!

לויפט מען דאָך, ווי דער שטייגער איז, אין הויף, צום פּריץ, אַדוני פּריץ! שרייט מען, פאַלענדיג איהם צו די פיס! אָ, זאָל ברומען דיין רחמנות אויף אונז! — דער פּריץ אָבער ענטפערט נישט קיין וואָרט. ברומט ברומט אַפילו — נאָר דאָס ברומען הינט, דער פּריץ האָט אָנגערייצט אויף זיי זיינע הינט, חאַפּט מען די פיס אויף די פּליי-צעס און מען אַנטלויפט... אַז בקשות העלפען נישט, מאַכט מען זיך האַרץ — שטעלען זיך דעם פּריץ אַקעגען. וואָס הייסט? טענה'ט מען, ציגז איז ציגז, איין מקח אויף תמיד, די הייזער זענען אונזערע, פון אָבות אבותינו. וויל ער נישט מיט גוטען, מוז מען זיך מיט איהם לאָדען. אַדרבה, טאַקי איינגעבען. נישקשה, ס'איז דאָך דאָ עפּיס יושר. מענשליכקייט אויף דער וועלט!

האָט קאַבצאַנסק, ברוך-השם, אַ נייעם עסק! בעדאַרף מען דאָך שתדלנים, אָך, דערויף זענען דאָך עפּיס דאָ מענשלעך, יענע בריה'ס-מענשלעך! עס פערשטעהט זיך, מען קלייבט זיי אויס צו שיקען אַהינצו, אין דער גובערניע. בעדאַרף מען דאָך אויף הוצאות, אַ פאָהר אַהין, אַ פאָהר צוריק, אַניעס, אַ טרונק קאָסט דאָך געלד, און וואו זענען ווייבער? די ווייבער אין דער היים איבערלאָזען בעדאַרף מען דאָך עפּיס אויך. — טרעסעלט מען אויס אַלע פושקעס. פון יענעם געלד, וואָס פון די בהמות, פאַרנעהמט מען אויך. קאַבצאַנסק ברענט זיך אויס. קאַבצאַנסק טהוט זיך אַריין אינגאַנצען אין „זאַקאָנעס", קינד-און-קייט שאַרפען דעם מוח, טהוען-אויף סברות, ווי די געלערענטע אַדוואָקאַטען. ס'איז דאָ צווישען זיי אויך, אָהן עין-הרע, פיעל גרויסע און קליינע יאַבעדניקעס, קאַבצאַנסק ליגט אין קאָפּ נישט מעהר ווי איהר משפט, עס קריכט איהר אַרויס די אויגען וואַרטענדיג דעם סוף. ברוך-השם, זיך דערלעבט. עס הויבט זיך אָן דאָס לאָדעניש — און מען פער-שפּילט! — באשר וואָס איז? לערענט מען דאָרט דעם פּשט, ציגז, אמת טאַקי, טאָר אַ פּריץ נישט, על פי דין, [העכערן: נאָר אַזוי ווי פאַר עטליכע יאָהר צוריק האָט דער קאַבצאַנסקער דוקעם מוסיף געווע:

פאר איטליכען בעל־הבית אין קאבצאנסק עטליכע קאפיקעס אויף דעם צינז, און קיינער האט זיך ניט נעמאכט דערויס און בשעת צאהלען נאך צושריבען זיך ביי איהם אויף פאפיר, הייסט דאך עס שוין זינט דענסט־מאל, אז זיי, די קאבצאנסקער בעלי־הבתים, זיצען אויף דעם דוקעס'ס ערד נישט בתורת צינז ווי פריהער, נאר בתורת ארענדע, און די ארענדע האט דער דוקעס רעכט, על־פי־דין, צו העכערן ווען ער וויל און וויפיעל ער וויל. לא די וואס פערשפיעלט, בעדארף נאך קאבצאנסק צאהלען די הוצאות פונ'ם משפט, עפּיס נאר א גרודע געלד!

אט ווי קאבצאנסק איז פערקראכען פון איין צרה אין דער אנדע־רער, און האט זיך שטארק פערפלאנטעט! נאר ווי אבער פלאנטעט מען זיך דא ארויס? אין איין אנדער צייט, אז קאבצאנסק זאל געווען זיין אין דער קלעם, וואלט זי, נעבעך, טאקי קיין עצה זיך נישט געקענט געבען. משטיינס־געזאגט, ווער? היינט אבער איז נישט דאס קאבצאנסק וואס פריהער. היינט איז דער עולם איהרער נאך עפּיס אנדערש. די שטענדיגע מהומות, וואס אין דער לעצטער צייט, האבען איהם צוקאכט דאס בלוט, צורייצט, אויפגעוועקט אין איהם דעם עזות־פנים. א קאב־צאנסקער יוד היינט איז פלאם־פייער, שטארק אנגעלאדען, נאר עפּיס א ווארט נישט אזוי ווי ער וויל, שיסט ער אויס מיט שארפע, שטעכע־דיגע ווערטער, וואס פליהען מיט אימפעט איהם פונ'ם מויל אויף שרויפען. די שטענדיגע עסקים, וואס אין דער לעצטער צייט, האבען נעמאכט פון די קאבצאנסקער ווילדע חכמים, עצות־געבער, דעות־זאגער אין האנדעל, אין לאדעניש, אין באנקירסקע און אלע אנדערע מיני געשעפטען, וואס אין דער וועלט, דיפלאמאטיע, פאליטיקע, א שטיינער, פראטאקאלען, אפעליאציעס, וכדומה — דאס זענען אזעלכע זאכען, וואס יונגלעך, קלויזניקעס, האלטען עס שטענדיג אין מויל און זענען זיך דרינען מפלפל. מיט עצות האט קאבצאנסק, ברוך־השם, שוין נישט געהאט וואס צו זארגען. דאס אומגליק אבער איז, וואס צופיעל. א טייל האבען געזאגט, מען זאל אונטערשיקען צום פריץ איינעם פון זיינע מקורבים, בעטען רחמים, שטיצענדיג זיך אויף דעם עולם'ס א ווערטיל: אז מען קען ניט אריבער, מוז מען ארונטער. ווידער א טייל האבען געזאגט: יא און ניין! אונטערשיקען דא, טאקי אונטערשיקען, נאר בעטען רחמים גלאט פראסט, ניין! עס בעדארף זיין מיט פאליטיקע — א שטיינער, געבען איהם אין למ'עס אנצוהערעניש מיט א פרעג: וואס פאר א ווערטה קען האבען זיין קאבצאנסק אהן קאבצאנסקער למשל!..

און נאָך אַ טייל האָבען געשריגען: עט! אויף רחמנות, אויף ישר איז לאַנג צו וואַרטען, אָנצוהערעניש איז גאָר נישט. דאָס בעסטע מיטעל איז איין אַפּעליאַציע אַהין, אין די הויכע פענסטער, נישקשה, אַ עדה מענשען, אַבי זי וויל נאָר, וועט אויספיהרען... הכלל, די אַזוי, יענע אַזוי, נישט קיין גלייכע דעות, און וויפיעל דעות, אַזויפיעל צדדים. קאַבצאַנסק פערקריכט ווייטער און פערפּלאָנטעט זיך נאָך מעהר!

גוט יום=טוב! — ס׳איז פּסח. נאָך אַזויפיעל קאָפּדאַרעניש, אַזויפיעל בויכוועהטאָג אַריינגעבראַכט, געלויבט איז גאָט, דעם טייערען גאַסט, דעם פּסח! דער פּסח לאָזט זיך פיהלען אומעטום: אין שוהל, אין דער היים, אין דער לופט שמעקט מיט פּסח — מיט זיינע קניידלעך, זיינע חרעמזלעך און זיינע אַלע גוטע זאַכען. ער קריכט אויך אַריין איטליכען, גרויס און קליין, אָרעם און רייך, טיעף אינווייניג אין דער נשמה. עס ווערט עפּיס ליכטיג, פרעהליך אויף דער נשמה, קאַבצאַנסק שיינט! אָרעם, נעבעך, נישט אַזוי געקליידט, רייך מיט דער מאָדע, אַ וויים העמד צום לייב מיט אַ אַלטער שבת׳דיגער קאַפּאָטע די גאַנצע הלבשה — און שיינט! עסט נישט קיין אינדיקעס, קיין קאָמפּאָטען, טרינקט נישט טייערע ווייגען! עסט, פון יוצא=וועגען, אַ שטיקעל פלייש מיט פריש אָנגעריבענעם חריין, אַ פּאַסטערנאַק=צימעס! טרינקט לאַקריצע, ראָזינקעס=וויין אַ גלעזעל — און בעלעקט זיך, האָט הנאה! קוויקט זיך מיט „אַתה בחרתנו״, מיט די גוטע שטיקלעך פּיוט, מיט דעם גאַנצען יום=טוב׳דיגען דאַווגען — און מען זעהט ווי זי שעפּט תענוג, עס קומט איהר צו אַ שטיק געזונד, עס רוהט עפּיס אויף איהר די שכינה.

בידנע קאַבצאַנסק, פערוואָגעלטע קאַבצאַנסק, נאָך אַזויפיעל צרות
א גאַנץ יאָהר, האָב חאָטש יום=טוב אַ רוהיגע מינוט!

שביעי של פּסח, אַ פרעהליכער טאָג, ווען די יודען זענען איבער=געגאַנגען דעם ים, און די מצרים, די נאָכיאָגער זייערע, זענען דערטרונקען געוואָרען דאָרט; ווען קאַבצאַנסק איז געווען יום=טוב׳דיג, פול מיט האָפנונג צו השם=יתברך, דעם בעשיצער פון זיין געליבט פאָלק ישראל — מען געהט! אין אַלע צייטען, פּלוצים ווערט אַ רעש, אַ געוואַלד: מען געהט! — העהע, דעם פּריץ׳ס לייט, גאַנצע חאָפּטעס, געהען מיט אַ פּייפעריי, סווישטשעריי, שלאָגען=אויס פענסטער, ברעכען אויבענס, רייסען בעט=געוואַנד! וואָס איז? דער פּריץ הייסט טרייבען יודען גנבים, שווינדלער, בלוטזויגער, וואָס האָבען זיך פערקליבען צו איהם אין

שכנות, אין זיינע הייזער. און ווילען נישט צאָהלען קיין ארענדגעלד. אַצונד לעהרנען עס זיינע לייט מיט קאַבצאַנסק בלק!

ביז נאַכט האָבען די דאָזיגע רבי'ם מיט דער היינט=מאָדישער מעטאָדע געענדיגט פון בלק איין פרשה, איין נאָם הייסט עס, די טונעיאַרעווקער גאָס, לעת=עתה, וואו עס זיצען די עכטע בלוטזויגער, די אמת'ע קאַבצאַנסקער קבצנים, און די איבעריגע אָבגעלעגט אויף שפּעטער אַביסעל. יודישע קינדער, גוט אָנגעלערענטע, וואַלגערען זיך נאַקעטע, הונגעריגע אין נעץ, אין קעלט, אויף די גאַסען, אונטער דעם פרייעם הימעל.

אוי ווּעה, שרייט קאַבצאַנסק, אַ דונער האָט מיך געטראָפען!

וואָס=זשע, נעבעך, טהוען יודישע קינדער? וואַלגערן זיך דאָ אויף דער גאָס איז קיין תכלית נישט, שרייען איז אויך נים קיין גוטער משא=ומתן, נעהמען יודעלעך און ריהרען זיך פון אָרט: אַ טייל שלעפען זיך אַוועק וויים אין עק וועלט און אַ טייל שטופען זיך אריין דערווייל אין ניי=קאַבצאַנסק, מאַכען דאָרט אָן אַנ'ענגשאַפט און שטעהען די ניי=קאַבצאַנסקער אין דער גרגרת. און דאָס פערשטעהט דאָך אַפילו אַ קינד אויך, אַז עס שטעלט זיך, נישט=דאָ=געדאַכט, אַ ביין אין האַלז, הוסט מען, קייכט מען מיט אַלע כוחות, פונ'ם ביין ווי=ס'איז פטור צו ווערען, דעריבער האָבען די ניי=קאַבצאַנסקער, נעבעך, גאָר נישט ווילענדיג שטאַרק זיך צוהוסט, דאָס הייסט געאַרבייט אויף אַלע כלים, ווי לייז צו ווערען פון אַזאַ אָנשיקעניש, פון אַזוינע כפול=שמונה'דיגע קבצנים, און געזוכט מיטעל, ווי צו שטילען דאָס פייער אין אַלט=קאַבצאַנסק, אַז זייערע ברידערלעך דאָרט זאָלען מעהר נישט קומען צו אַזאַ מיאוס'ער לאַגע, זאָלען זיצען רוהיג ביי זיך אין דער היים און אויך זיי אויף ווייטער לאָזען צו רוה. ביים פריץ זענען זיי געוועזען שטיקלעך תקיפים, קיין סכסוכים צווישען זיי מיט איהם איז קיינמאָל נישט געוועזען, און ארויסשטעלען זיך איהם אַקעגען פאַר דעם מקום קדוש מיט דער שטאָט דאָרט, האָבען זיי אַפילו אין זינען נישט געהאַט... ווייסענדיג זעהר גוט זיין קאַפּריז. אַלצדינג איז ער גרייט אַמאָל נאָכצוגעבען, נאָר נישט אויף קיין האָר פון זיין קאַפּריז. בכן קומען זיי צו חייקיל=חייב'ן מיט אַזאַ פּלאַן:

— הערט אויס, רב חייקיל=חיים! מיט קאַבצאַנסק שטעהט עס אַצונד שמאָל. אַז אָך=און=וועה צו איהר, צו וואָס זי איז געקומען פאַר איהרע זינד! זי ברויכט באַלד טאַקי הילף. מיט אַ פריץ מאַכט מען

נישט מיט געוואַלד. דער פּריץ איז אַ פּריץ און קאַבּצאַנסק איז קאַבּצאַנסק. מען בּעדאַרף נאָכגעבּען זיין שגעון. מיט דער צייט קען ער ווערען ווייך ווי טייג, חאָטש צולעגען איהם צו אַ געשוויר. נאָר אַצונד לאָזט אונהם אָבּ, אָט דעם קאַפּריז..., קורץ גערעדט, רבּ חייקיל־חיים מאַכט זיך ניט וויסענדיג אַצונד פון דער שטאָט אין מזרח־וואַנד, איבּער וועלכע עס האָט די גאַנצע קאַשע זיך פערקאָכט. און כּדי פערבּלענדען דעם דוקעס די אויגען, ער זאָל מיינען, אַז איהר האָט זי שוין מעהר אין זינען נישט, נעהמט אָן, זייט אַזויפיעל גוט, אָט די שטאָט, וועלכע מען לעגט אייך איצט פאָר, אויך טאַקי אין מזרח־וואַנד, נאָר ערגיץ אַנדערש, ווייטער אַבּיסעל. אין פּאָלעש פון דער אַלטער שוהל געפינט זיך, ווייסט איהר דאָך, אַ פינסטער קעמעריל, אַ לעדיגס, וויל מען, הייסט עס, דאָס קעמעריל גוט צורעכט מאַכען מיט אַיין אָרון קודש, מיט אַלצדינג ווי אַ שטיבּעל בּעדאַרף זיין, פאַר אייך מיט אַייערע לייט, וואו איהר וועט זיין דערוייל, — פאַרשטעהט איהר? — די גאַנצע בּעלי־בּתים. — ווי בּאַלד איהר טהוט עס, וועט געשטילט ווערען דעם פּריץ׳ס כּעס און ממילא פאַרבּעסערט ווערען די יודישע לאַגע... שונאים, ווי אַ רבּ שמעלקי, אַ שטייגער, וועלען אויך פערשטומט ווערען, בּלייבּענדיג דאָ אַליין די איינציגע פיינע בּריות, און אומגעשטערט פאַר־נעהמען צו זיך די אַלע כּבודים, גבּאות, עליות וכדומה — לאָזען זיי זיך דערמיט וואַרגען!

פון חייקיל־חיים׳ס וועגען, און אַ טייל פון זיינע לייט וואָלט די זאַך גאָר ניט קרום געווען, האַ, אפשר איז בּאמת טאַקי דערוייל א סבראַ! פאַר וואָס ניט? נאָר פאַר געהיסע מענשלעך, כּלי־קודש, איז דער דאָזיגער פּלאַן געווען אַ סם. ס׳טייטש, אַז אוים מחלוקת, אוים פייער, ווי־זשע וועלען זיי בּרענען אַ וועלט? לא! האָבּען זיי געשריען, אוים דער הויט געשפּרונגען און אויפגעריהרט גאַנץ קאַבּצאַנסק.

און ווי האַלט עס אין קאַבּצאַנסק אַצונד?

אוי ווי שלעכט, ס׳איז אַ מהומה, יודען שלעפּען זיך אַוועק מיט די טאָרבּעס איז דער ווייטער וועלט — און ס׳איז אַ מעשה אָהן אַיין עק!...

# די אַנטדעקונג פון וואָהלין

# די ענטדעקונג פון וואהלין

## גענומען פון די כראָניקעס.

אין אַ יאָהר אַרום נאָך דער בעוואוסטער שרפה האָט זיך אָנגעהויבען אין דער ליטאָ, לויט ווי עס שטעהט אין די כראָניקעס, דער גרויסער הונגער, נישט היינט געדאַכט.

עד היום ליגט יענע שווערע ביטערע צייט יודישע קינדער אין טעם. אַלטע לייט אַז זיי דערצעהלען היינט די שטאַרקע נויט, וועלכע מענשען, געבעך, זענען דערנסטמאָל בשעת דעם הונגער אויסגעשטאַנען, שטעלט זיך פשוט די האָר קאַפויר הערענדיג. הונגעריגע, אָרעמינקע מענשען, אויסגעדאַרטע־אויסגעדייווערטע. הויט און ביין מיט סמאַהע אויף די ליפען, איינגעפאַלענע באַקען און משונה אויסגעשטעלטע גלעזערנע אויגען, האָבען ווי די פער'סמ'טע מייז אומעטום זיך אַרומגעבלאָנקעט, קוים פלאָנטערנדיג מיט די פיס, געזוכט, געניסטערט וואָס ס'איז עפּיס עסענוואַרג, גאָרנישט איבערצוקלייבען: גראָז איז אויך סחורה, זיך ניט נע'מיאוס'ט אַפילו דערמיט, וואָס ליגט, פוילט אין דעם מיסט. הונגער — דאָס איז איינס פון די ערגסטע אָנשיקענישען, דאָס איז אַ מין ליידען, ווי ברענען פאַמעליכען אָהן אַ אויפהער אויפ'ן שטיל פייערל. מען קען זיך שוין פאָרשטעלען, ווי גרויס דאָס עלענד איז געווען אין דעם ליטווי

שען שטעדטיל דלפוניווקע, וואס איז אנגעזעצט געדיכט מיט יודען, אהן עין־הרע, מיינסטענס, ווי דער שטייגער איז, קבצנים, נעבעך. גאר אין די גוטע יאהרען אפילו האבען דלפוניווקער יודען זיך אויך נישט קיינמאל זאט אנגעגעסען. א הערינג מיט א ביסעל ליאק דערצו, איינצוטונקען דערינען א שטיקעל ברויט — דאס זענען צוויי שפייזען אזוינע, מיט וועלכע מען האט געוועהנטליך זעהר שען יוצא געוועזען דעם מיטאג, א קרופניק — נעמליך: א מין געקעכטס פון וואסער מיט אביסעל גרויפען, פערווייסט לפנים מיט א קאפעלע מילך, אדער עטליכע געקאכטע קארטאפעל, — אזוינס האט שוין געהייסען עפּים גאר עולם הזה, א סעודה ווי ביי שלמה המלך אין זיין צייט! אצונד איז זעהר גרינג זיך צו מאכען א געדראנג: ווען אין די גוטע יאהרען אזוי, וואס־זשע האט שוין געקענט זיין פאר א מין עסען בשעת הונגער־צייט?! יא, דער דלפוניווקער ארימער עולם איז טאקי באמת, נישט נאר ווי עס רעדט זיך, געשוואלען געווארען פאר הונגער, געשוואלען וואס געשוואלען הייסט. אי, וואס, ווי געשיקט זיך עס אזוי צו לעבען? נארישקייטען! א שאלה אביסעל אויף יודען? ביי יודען איז מעגליך אלצדינג, אזא מין לעבען אויך. יודען האבען א גאט!...

צו דעם הונגער האט זיך נאך צוגעווארפען א מגפה, עפּים א מין אונטערגאנג, א היציגע קראנקייט אזוינע. מענשען זענען געפאלען ווי די פליגען און קליינע קינדער זענען אוועק פון סקארלאטינע, נישט־דא־געדאכט, אין דעם עולם איז געווארען א ליארם, א געשריי: חטאים! אנדערש האט זיך עס נישט געקענט לעגען טאקי אויף דעם מוח, ווארום פונוואנען האט זיך עס פלוצים גענומען אזא קרענק אויף א כלל ישראל? ס'איז שייך צו זאגען א קרענק דעם, יענעם, אבער איטליכען, ווי געשיקט זיך עס? זאגען ווידער, אז געקומען איז עס דאריבער, וואס אין דער שטאדט איז נישטא קיין דאקטאר, דאס איז אודאי קרום, ווארום פאר וואס איז עס געקומען גראד דענסטמאל — בשעת דעם הונגער און נישט פריהער? נישט אנדערש טאקי מוז מען זאגען — חטאים!... מען איז גוזר תענית. מען פאסט קליין און גרויס, מעוברת'ע אפילו אויך. פון תהלים איז קיין רעדע נישט, מען זאגט תהלים פון פריה ביז פארנאכט, מען מאכט אסיפות, מען קלייבט אויס א קאמיסיע יודען עפּים צוטאן אקעגען די חטאים, און צוליעב די הוצאות דערויף העכערט מען א קאפיקע טאקסע אויף דעם פונט פלייש. די קאמיסיע נעהמט הויז צו הויז איבערצוקוקען די מזוזות: טאמער עפּעם נישט אזוי־

מאַכט מען פּסול; צו בּעטראַכטען, ווי שטעהען פון פאָרפאָלקען, פון שכנים אין איין צימער די בּעטען, נישט צו נאָהענט אפשר איינע צו די אַנדערע, חס=ושלום... הכּלל, די קאָמיסיע איז נישט פויל, מען קוקט, מען רוקט=איבּער בּעטען אַהין בּעטען אַהער, — אומזיסט אָבּער די מיה — מען שטאַרבּט! שווייגט מען דאָך מסתמא נישט און מען געבּרויכט נאָך מיטעל: ווייבּער מעסטען פעלד, רייסען קברים, פאַלען אַריין אין אָרון=קודש מיט אַ געשריי, אַ געוויין, מגידים דרשה׳נען, שטראָפען דעם עולם: געוואַלד, יודען, שלאָגט זיך אָשמנו טהוט תשובה, יודישע קינדער! עס העלפט נישט — מען שטאַרבּט!...

ווי בּאַלד אַזוי, מוז מען דאָך שוין טאַקי אַיינווענדען אַלע כּחות, פּריווען טאָן דאָס לעצטע, וואָס מען קען. העכערט מען נאָך אַ קאָפּיקע אויף דעם פונט פלייש און מען אַכטעט אָבּ אַהער אין שטעדטיל דעם בּעריהמטען חאַנדריקעווער רב. צו איהם זעצט מען צו דעם דלפוניווקער רב מיט די דיינים און נאָך עטליכע שענע=כּשר׳ע יודען. מען לאָזט אויסרופען אין אַלע שוהלען בּחרם יהושע בּן=נון, אַז ווער עס ווייסט עפּים אַ חטא, ווי הייסט מען עס... אויף וועמען ס׳איז, זאָל קומען מודיע זיין דעם בּית=דין צדק, וואָס זיצט אַלע טאָג מכּח די חטאים אין דעם קהל=שטיבּעל. בּית=דין שיקט רופען די טוקערין, פאַרהערט זי אין ווייבּערשע זאַכען, אין דינים פון מקוה און נעגעל=שניידען, מען ציהט בּיי דער צונג געניטע... אַלטע גבּאי׳טעס, צי ווייסען זיי נישט אפשר עפּים אויף דער, אויף יענער וואָס צו זאָגען. די שטאָדט וויגט זיך, אַ קאָכעניש, אַ שושקעניש צווישען דעם עולם. עס טראָגט זיך עפּים אַרום אַ קלאַנג, אַ מומלען, מען טומעלט אויף איינעם עפּים אַ אַלמן און אויף איינער, אַ חצופה, אַ אשת=איש, עס קומט אָן בּיז דער קאָמיסיע פון די רבּנים, גרויסע לייט, בּערען! זי לאָזט רופען צו זיך יענעם, זאָגט איהם מיט דעם האַרבּען וואָרט: הולטיי, זיי זיך מודה!... זי איז איהם מתרה: מען וועט דיר, פּושע ישׂראל, טאָן דאָס און דאָס. אַז עס העלפט נישט מיט בּייזען, פּריווט מען זיך מיט גוטען, מען בּעט זיך, ווי פאַר אַ גזלן: געוואַלד, האָבּ רחמנות אויפ׳ן פאָלק ישׂראל, אויף אַ עדה יודען! געוואַלד, וואָס האָסט=דו צו קליינע אומשולדיגע קינדער, נעבּעך? נאָר רעד צו דער וואַנד — דער פּושע ישׂראל איז זיך נישט מודה. טהוט מען זיך אַ נעהם צו דער חצופה — הולטייקע, זיי זיך מודה! זי וויינט, חלש׳ט, פאַרשטעהט כּלומר׳שט נישט, וואָס מען וויל פון איהר האָבּען. ס׳איז נאָר גרויסגעוואָרפענע רעד, זי, די

קליפה, איז זיך אויך נישט מודה. און דערווייל איז שלעכט — מען שטאַרבט! דער צאָרן איז אַזוי ווייט געגאַנגען ביז צום עק, עס האָט שוין אָנגעריהרט העט־העט סאַמע אין דעם שפּיץ. ס'איז פערשלאָפּט געוואָרען און געשטאָרבען איינער פון די לומדים אין קלויז. אַ יוד אַ זקן, אַ פרו־מער, וואָס האָט געפּאַסט הפסקות, געדינט דעם בורא, אַוועקלעגענדיג פאַר איהם ממש דאָס גאַנצע געזונד... אַי־אַי! האָט מען געשריגען, אַז אַזעלכער שטאַרבט, איז שוין טאַקי אוים וועלט, איז שוין קיינער ניט זיכער מיט דעם לעבען. „אם לויתן בחכה הועלה, ווען אַזאַ שטאַרקער לויתן איז אויף דער ווענטקע נעחאַפּט געוואָרען, מה יעשו דגי הרקק, וואָס־זשע זאָלען שוין טאָן מיר שלאַפינקע פישעלעך אין דער בלאָטע?" אַזוי האָט איהם מספּיד געווען דער שטאָדט־מגיד אויפ'ן שוהל־הויף צו דער לויה און דער עולם איז צוגאָסען געוואָרען פון טרערען. דערנאָך האָט מען דעם מת אין קיטעל אַריינגעשטעקט אַ קוויטעל — דאָס איז געווען אַ „פּראָשעניע" צו גאָט, זעהר וואויל אָנגעשריבען בישיבה של מטה אין דער קאָמיסיע פונ'ם בית־דין, על דעת הקהל, אין דעם נאָמען פונ'ם גאַנצען שטעדטיל. „געה — האָט מען דעם מת געזאָגט — געה זיי אונזער שליח, ווי באַלד דו וועסט קומען אַהין, זאָלסט־דו עס איבער־געבען אונזער פאָטער אין הימעל, זיך מיהען דאָרט פאַר דעם כסא הכבוד, זיין אַ גוטער מליץ, ער זאָל זיך דערבאַרמען אויף אונז, יודישע קינדער, נישט זיין אַזוי שטאַרק אין כעס, ברוגז אויף אונז אַ שרעק, און זאָל זאגען דעם מלאך־המות: גענוג, לעג דעם חלף צוריק אין שיידעל אַריין! ער זאָל אויך אָנשרייען אויף דעם שטן דאָרט און אויף די אַלע משטינים דאָ, אַז עס זאָל זיי פערשטאָפּט ווערען דאָס מויל, עס זאָל זיי... א. ז. וו. א. ז. וו.

פאַר יודען אַזוינע, וואָס גלויבען יענעם אויפ'ן וואָרט, נישט אַריינ־לאָזען זיך, חלילה, אין ווייטע חקירות, טאָמער איז עס אַזוי, טאָמער אַזוי, און טאָמער איז גאָר די גאַנצע זאַך אַ ליגען — זיי וועט גאַנץ געוויס גענוג זיין דאָס ביסעל, וואָס איז געזאָגט געוואָרען דאָ פון יענעם קוויטעל. יענע אָבער, וואָס האָבען אַ נאַטור נישט צו גלויבען דעם עהרליכסטען יודען אַפילו, ביז זיי זעהען נישט אַליין מיט זייערע אויגען, שוואַרץ אויף ווייס, פאַר זיי איז דאָ איין ענטפער: געהט, זייט מוהל, און לייענט אַליין מיט אייער כבוד אין דלפוניווקער פּנקס, וואו די גאַנצע מעשה געפינט זיך כתוב וחתום מיט עדות כשר'ע, פיינע בריות, גרויסע לייט, און וואָס פון דאָרטען איז עס דערנאָך איבערגעשריבען געוואָרען אין די

בראָניקעס מיט אַ גאַנצער ממרא פונ'ם שרייבער דאָרט, אויסלאָזענדיג זיך לסוף אַזוי: „היינט פרעג איך אײַך, רבותי, מה נשתנה, מיט וואָס, אַ שטייגער, זאָל אַ דעפּוטאַציע צום רבונו של עולם דורך אַ מת אויף יענער וועלט זיין מעהר משונה ווי דעפּוטאַציעס צו גרויסע פּריצים דורך לעבעדיגע מתים דאָ אויף דער וועלט? נאָר ווי די מעשׂה איז, יענע האָט בעשיינפּערליך געהאָלפען. אין אַ צייט אַרום נאָך דעם קוויטעל איז די מגפה טאַקי געשטילט געוואָרען — און ליהודים אין שטעדטיל, אַ שמחה אַ פריידּ אויף יודישע קינדער!".

טאַקי גאַנץ אמת, דאָס יאָהר האָבען יודישע קינדער, לויט אַלטע לייט דערצעהלען, געמאַכט סוכות גאָר אַנטיק, אין פאַריז האָט מען קיין בעסערע נישט געקענט האָבען. ס'איז געווען גענוג מאַטעריאַל פון דער שרפה די סוכות צו בויען, פערשפּאָרט בענוצען דערצו, ווי געוועהנטליך, לאָקשענברעטלעך, טשאָלענטברעטלעך, נאָך און נאָך אַזוינע מיני ברעט־לעך. פלאַץ פאַר די סוכות איז אויך געווען גענוג, נישט פעררוקט, ווי אַלע יאָהר, ערגיץ אין אַ לאָך, נעבען שטאַל און אומריינע ערטער, מחילה. היינט האָט מען מקיים געווען זיצען און שלאָפען אין סוכה ווי אין שטוב אויפ'ן רעכטען אמת טאַקי, נישט גלאַט אַזוי זיך. יודען האָבען פערבראַכט דעם יום־טוב פרעהליך, נישט נעזאָרגט, געלויבט גאָט און געהאָפט צו זיין ליבען נאָמען מיט בטחון.

און גאָט ברוך־הוא האָט זיינע דלפוניווקער בעלי־בטחון'ס, נישקשה, נישט פערלאָזען. פון די אומגליקען האָט זיך פאַר זיי אויסגעלאָזט גאָר אַ גליק, און דורך די נויטען, שווערע ביטערע צרות האָט זיך זיי גע־עפענט אַ וועג אין אַ נייע לאַנד — אין וואָהלין, הייסט עס, אַ געבענשט אָרט מיט אַל־דאָס גוטס, וואָס זייער פוס איז דאָרט קיינמאָל נישט געווען.

ענטדעקט וואָהלין האָבען די משולחים, וועלכע דלפוניווקע האָט נאָך דער שרפה אַרויסגעשיקט אויף דער וועלט קלייבען געלד. לאָז מען נאָר קיין טעות נישט האָבען, אַז אַרויסגעשיקט מיינט מען מיט געוואַלד, דאָס הייסט, מען האָט זיי גענויט פון קהל, אַלע אין איין קול: טהוט אונז די טובה און פאָהרט מאַכען געלד! חלילה, ביי יודען זאָל זיך אַזוינס טרעפען. וואָס דען? גלאַט אַזוי זיך, דריי פיינע מענשען, ניטבעדערפטיגע, בעפאַלען מיט ווייב און קינדער, אָהן אַ שום פרנסה, נעבעך, ווי דער שטייגער איז, האָבען מיט דעם גוטען ווילען גענומען פאַר מצוה אויף זיך די גרויסע טרחא צו זיין משולחים לטובה פאַר

אַ שטאָדט יודען, נעבעך, און זיך נעלאָזט אין דער וועלט אַריין. מען האָט זיי פערזאָרגט מיט כתבים, אונטערגעשריבען פונ׳ם גאַנצען כלי-קודש, פאַרנעהמסטע לייט, אין וועלכע מען האָט מיט הויכע מליצות געשילדערט דאָס אָנשיקעניש, וואָס אויף דער קהילה זייערער איז אָנגעשיקט געוואָרען, און געבעטען מיט אַלע מיני געבעט די קיודער ישראל, רחמנות צו האָבען אויף די נשרפים, נעבעך, און געבען די משולחים נדבות, איטליכער כפי זיין פאַרמעגליכקייט. עס פאַרשטעהט זיך, אַז חוץ די כתבים האָט מען ביים אַרויספאָהר געמוזט געבען די משולחים געלט אויך, אויף די נויטיגע הוצאות פאַר זיך אַליין און אויף איבערצולאָזען צום לעבען זייערע ווייבער און קינדער. עס האָט געקאָסט אמת טאַקי נישט טייער — אייז קאָפּיקע נאָר האָט מען געהעכערט אויף דעם פונט פלייש!

אַ לאַנגע צייט איז פון די משולחים נישט געווען קיין שום ידיעה, גלייך ווי אין וואַסער אַריינגעפאַלען. ס׳איז איטליכען אין שטעדטיל געווען אַ גרויס וואונדער, נאָר ניט צו פאַרשטעהן, וואָס זאָל עס אַזוינס בעטייטען! מען האָט זיך געוואונדערט, געוואונדערט ביז מען האָט זיך אויפגעהערט צו וואונדערן. מען וואָלט זיך אין די משולחים שוין געווען גאָר פאַרגעסען, מוחל געווען אַלץ מיט-איינאַנדער, ווען נישט די ווייבער זייערע, וואָס האָבען געפאָדערט ביים שטעדטיל מזונות, געשריגען, נעפילדערט: געוואַלד! פאַר וואָס זאָלען מיר זיין עגונות, פערוויסטען אונזערע יאָהרען, ליידען פאַר אַנדערע? דאָס שטעדטיל האָט געמוזט אויסשטעהן זייערע טענות און געשפייזט די לעבעדיגע אַלמנות. מילא, וואָס זאָל מען טאָן? איז נאָך אַ קאָפּיקע אויפ׳ן פונט פלייש!

פלוצלים, גאָר אומגעריכט, קומט אָן צום רב פון די משולחים אַ בריעף פול מיט התנצלות, אַ פאַרענטפערן זיך אויף דעם לאַנגען שטיל-שווייגען, און מיט אַ קלאָגען זיך אויף דעם פינסטערען מזל, אַז נשרפים איז גאָר ניט אַזאַ געהויבענע סחורה, ווי מען האָט געמיינט. גענוג נשרפים אַזוינע און אַזוינע שלעפען זיך אין דער וועלט אַרום. ס׳איז געוואָרען עפּיס ווי אַ גאַנג-וועגעלע, אַ חוק, אַז ווי באַלד עס הויבט זיך אָן דער זומער, הויבען אָן יודישע שטעדטלעך צו ברענען. עס פאָהרען אויך אַרום משולחים פון ישיבות, משולחים פון מאיר-בעל-הנס, משולחים׳ס משולחים, ירושלמים, עגונות, אייניקלעך און יודען מיט כתבים פון אַלערליי סאָרטען, וועלכע מען וויל. בכן איז שפּל... דאָס ביסעל געלד, וואָס זיי האָבען געמאַכט האָט געקלעקט קוים אויף הוצאות. עס

קומט זיי נאָך ארויס, נאָר זיי זענען מוחל, גאָט זאָל זיי בעצאָהלען פאַר זייער מיה. די ווייבער איז אויך אָנגעקומען בריעף, נאָך מיט אַביסעל געלד דערצו, פון די מאַנען זייערע, וואָס בעטען זיי שטאַרק מחילה פאַר דעם שווייגען ביז אהער, מסתמא איז רעכט, מסתמא אַז זיי האָבען געשוויגען, האָבען זיי געוואוסט פאַר וואָס... געפינען, געפינען זיי זיך אין וואָהלין, זעהר אַ פעט ווינקעל, וואו זיי וועלען פערבלייבען אויף תמיד און, אם־ירצה־השם, מיט דער צייט מאַכען עפּיס אַ שטיקעל עסק. לעת־עתה קענעלען זיי אונטער. וואָרום אַזוי פאַסט עס זיי צום עסק מכמה וכמה טעמים... אין אַ קורצער צייט אַרום — אַזוי שרייבען זיי — וועלען מיר אייך אַלע ארויסנעהמען צו זיך, וועט אייך מיט דעם אויבערשטענס הילף פאַרענטפערט ווערען אַלע קשיות. דערווייל לאָז זיין אַלצדינג בסוד. למען־השם, שווייגט, זאָגט נישט קיינעם, וואו מיר זענען, וואָרום דאָס טויג נישט מחמת פיעל טעמים. וד"ל.

נאָר ווייבער זאָלען האַלטען אַ סוד, און נאָך דריי ווייבער מיט־אַ־מאָל, אַזוינס האָט זיך נאָך נישט געטראָפען זינט די וועלט שטעהט. עס פערשטעהט זיך, אַז פאַר גרויס פרייד האָט זיך זיי געשאָטען ניין מאָס רעד פונ'ם מויל ווי פון אַ לעבערדיגען זאַק. זיי האָבען דערצעהלט איטליכען די גרויסע גליקען זייערע, אָבגעלויבט אין טאָג אַריין וואָהלין מיט געטאַקטע ליגען, אַז דאָרט איז דאָ פון פויגעל־מילך, געלד וואַלגערט זיך אין די גאַסען, און מלמדים גילט מען דאָרט אָב, זיי געהען אין גאָלד. הערענדיג אַזוינס מאַכען יודען נישט לאַנג שיהוּת, נעהמען די פיס אויף די פּלייצעס און לאָזען זיך אַוועק קיין וואָהלין. אויף דלפוניוקע קוקענדיג האָבען אויך פון אַנדערע ליטווישע שטעדט יודען זיך אָנגעהויבען אַוועקצולאָזען אַהין. מען בעדאַרף וויסען, אַז אונטער דעם נאָמען וואָהלין האָט געהייסען און הייסט נאָך היינט ביי יודען נישט נאָר וואָהלינער גובערניע אַליין, אַלא וואָס דען אויך פּאָדאָליע און בעסאַראַביע, דער גאַנצער געגענד, וואָס ביי אונז צו דרום־זייט. אַזוי ווי ביי וואַרשויער יודען, אַ שטייגער, הייסען אַלע, נישט קיין פּוילישע, אי ליטווישע אי וואָהלינער יודען — ליטוואַקעס.

דאָס־אייגענע וואָס אַמעריקא איז פאַר אונז יודען היינטיגע צייטען־איז וואָהלין פאַר זיי געווען דענסטמאָל אין יענער צייט. דער אונטער־שייד איז נאָר אַט וואָס: אין אַמעריקא פאָהרט מען מיט דעם ים, אין

אַ דאַמשיף, אַקעגען אַ פּאָר וואָכען, און אין וואהלין האָט מען זיך געשלעפּט מיט דער יבשה צו-פוס גוטע עטליכע וואכען. און אַמאָל אויך נאָך מעהר, אבשטעלענדיג זיך ביים וועג — געהענדיג אין שטעדטלעך, צווישען יודען רחמנים בני רחמנים... אין אמעריקא זענען יודען, ביים אָנקומען, געוועהנליך טאנדעטניקעס, אַרומגעהערס מיט פּעקלעך סחורה – שמאכטעס, שניידער, אַרבייטער אין פאַבריקעס, און אין וואהלין זענען די ערשטע, וואָס האָבען זיך אָוועקגעלאָזט אַהין, געוועזן כמעט אַלע מלמדים.

דער שרייבער אין די כראניקעס לאָזט אויס די דאָזיגע מעשה דאָרט אויפ'ן סוף מיט די ווערטער:

„די יודישע היסטאָריע, אין וועלכער די השגחה פון גאָט אויף זיין געליבט פאָלק, ענטפּלעקט זיך אַזוי בעשיינפּערליך איטליכען. וואָס האָט נאָר אויגען צו זעהן און שכל צו פאַרשטעהן – זי, די היסטאָריע הייסט עס, אינגאַנצען איז זי א שטענדיגע שלעפּעניש, אַ אייביגע אַרומוואַגלעניש פון אברהם אבינו ביז אַ צינד. עס רוהט נישט, עס ראַסט נישט דאָס פאָלק ישראל!".

• •

•

אָט אַזוי, כמעט אין דעם נוסח, פלעגט אָפט דערצעהלען אונז, קינדער, די דאָזיגע מעשה מיין זיידע, עליו-השלום.

אַ דלפוניוּוקער, שלים-מזלדיגער יוד איז געוועזן מיין זיידע! פאַר צרות האָט ער בשעת דעם גרויסען הונגער זיך אָוועקגעלאָזט קיין וואָהלין, געווידערט קיין קישינעוו, די הויפּט-שטאָדט פון בעסאַראַביע — אַ לאַנד, וואָס פליסט מילך און האָניג. האָט געקנעלט דאָרט אינאיינעם מיט נאָך אַ סך דלפוניוּוקער זיין גלייכען און געגאָסען פיעל גוטס: געגעסען מאַמאַליגע, פאַרביסען מיט קאָדע, געטרונקען וויין און געלעבט רוהיג, אָרענטליך-פיין, ווי גאָט האָט געבאָטען, גלייך מיט אַלע דאָרטיגע יודען, און נישט געוואוסט פון קיין בייז.

ווער זאָל זיך עס דענסטמאָל געוועזן ריכטען, אַז מיר, זיין אייניקעל, זאָל אין אַ צייט אַרום שפּעטער בעשעהרט זיין זעהן אויף די עלטערע יאָהרען, ווי דאָס אייגענע אָרט, וואָס האָט פריהער געפליסט

## די ענטדעקונג פון חאָהלין

מילך און האָניג, פליסט אַצונד, אוי־וועה — עס איז שווער צו זאָגען...
נאָר איך מענדעלי בין דערצו שוואַך, אלט. מיין איינציגער כח, אוי,
איז נישט מעהר, וויינען שטילערהייט פאַר זיך, וואַרגען זיך מיט טרעה־
רען, און צו די אַלע פריהערדיגע, אַלטע יודישע צרות צו־צושרייבען
אין די כראָניקעס אויך די היינטיגע, נייע צרה.

## צום צענטן יאָרצייט פון

# מענדעלע מוכר־ספרים

## (שלום יעקב אַבראַמאָוויטש)

צום צענטן יאָרצייט האָט דער פאַרלאַג „מענדעלע" אַרויסגעגעבן אַלע ווערק פון מענדעלע מו"ס אין אַ נייער, באַאַרבעטער און קאָנטראָלירטער אויסגאַבע. פאַר יעדן באַנד קומט אַן אַריינפיר און אויך אַ גערעריקע אָפּהאַנדלונג־כאַראַקטעריסטיק פון די ווערק.

אויסער די פריערדיקע צוואַנציק בענדער, האָט דער פאַרלאַג אַרויסגעגעבן צום יאָר־צייט **נייע צוויי בענדער:** באַנד XXI „מעשיות וועגן מענדעלען" און באַנד XXII „דער מענדעלע־טורעם".

באַנד 1 מענדעלע מוכר־ספרים (זיין לעבן און שאַפן)

באַנד 2 דאָס קליינע מענטשעלע

באַנד 3 פישקע דער קרומער

באַנד 4 די טאַקסע אָדער די באַנדע שטאָט־בעלי־טובות.

באַנד 5 די קליאַטשע

באַנד 6 לופט באַלאָן. דער פיש

באַנד 7 יודעל

באַנד 8 שבתדיקע זמירות. פּרק־שירה

באַנד 9 מסעות בנימין השלישי

באַנד 10 דער פּריזיוו

באַנד 11 דאָס ווינשפינגערל, I טייל

באַנד 12 דאָס ווינשפינגערל, II טייל

באַנד 13 צוריק אַהיים. אַלטע מעשה. שם און יפת אין וואַגאָן

באַנד 14 אין אַ שטורעם־צייט. אין דער ישיבה של מעלה. אַ סגולה צו יידישע צרות

באַנד 15 די נשרפים. ספר הבהמות. ספר הגלגולים. דאָס קעלבל

באַנד 16 שבת און יום־טוב. חג האָסיף. דער חילוף. שבת. וואָס הייסט חנוכה. אויף אסיפות. אַ שטאָט אין מזרח־וואַנט. די אַנטדע־קונג פון וואָלין.

באַנד 17 עלטערן און קינדער

באַנד 18 שלמה ר' חיימס (1 בוך)

באַנד 19 שלמה ר' חיימס (2 בוך)

באַנד 20 זכרונות וועגן מענדעלען

**נייע צוויי בענדער**

באַנד 21 מעשיות וועגן מענדעלען
מעשיות, זכרונות, עפּיזאָדן און קוריאָזן דערציילט פון שלום־עליכם, ציטראָן, אַנ — סקי, ראַווניצקי, קלויזנער, שניאור, פיכמאַן א. א.

באַנד 22 מענדעלע־טורעם
אַרטיקלען פון פּרץ, בערדיטשעווסקי, גינזבורג, דובנאָוו, דינעזאָן, בער־קאָוויטש, ספּעקטאָר, ווייטער, גאָ־רעליק, פּרילוצקי, ניגער, נאַדיר, אויסלענדער, דאָברושין, מייזיל, גראָס א. א.

די ווערק פון מענדעלע מוכר־ספרים זענען די גרונט־שטיינער פון דער יידישער ליטעראַטור. דאָס איז איר אָנהייב, איר ערשטער אויסדרוק פון קראַפט, פון פאָרם, פון שפּראַכלעכער און קינסטלערישער פאַרווירקלעכונג.

**מענדעלע איז ביז היינט דער גרעסטער קינסטלער פון יידישן וואָרט.**

**זיין ווערק איז צום לערנען, צום שטודירן און צום געניסן צוגלייך.**

**מענדעלעס ווערק דאַרפן זיך געפינען אין יעדן יידישן הויז!**

---

פאַרלאַג געזעלשאַפט „צענטראַל" וואַרשע, נאַוואַליפּקי 7.